בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קי"ז

יו"ל: כ"ו אדר ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


אט זאגט דער רבי
א קול פון וואלד
צוגעווארט ביז זונטאג
אויסוויינען דעם טאג
ווייזט אויס אז מען דארף פילן
מען האט אים שוין געפאקט שרייען...
ר' פנחס קיבליטשער
"אֲחַזְתִּיו - וְלֹא אַרְפֶּנּוּ"
אַן ערב שבת ביי אונזערע לייט...
ווען קען מען ארויסכאפן דעם דיבור אמת?
פארוואס איז נישט חשוב עפעס אנדערש?
דו דארפסט אויך אנקומען צו דעם פשט?
"וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"
געדארפט אים דערמונטערן
דוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ!
באהארצן דעם הארץ
טעגליך רעדן מיט א חבר
אים בלינד געמאכט די אויגן
א יונגערמאן דאוונט!
אַן אמת'ער איד



ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #117


מכון טעם זקנים שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©
כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יש להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# פרשת בשלח

## שנת תשל"ח

(טייפ מס' 304#)

## אט זאגט דער רבי

(לומד בחיי מוהר"ן סי' ע"ט) פרשת בלק, תקס"ח, איז דער רבי געקומען פון לעמבערג[א], און די תורה (ב' תניינא) האט דער רבי געזאגט, תקס"ט, חנוכה[ב].

> הַתּוֹרָה יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה בְּחִינַת תּוֹדָה וְכוּ' בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא בְּסִימָן ב', זֹאת הַתּוֹרָה אָמַר בְּשַׁבַּת חֲנֻכָּה וּבְאוֹתָהּ שָׁנָה בָּא מִלֶּמְבֶּרְג, וּלְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי הַמְשִׁיךְ בָּזֶה בְּחִינַת תִּקּוּן קָרְבַּן תּוֹדָה שֶׁהָיָה צָרִיךְ לְהָבִיא עַל שֶׁחָזַר מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם לְבֵיתוֹ. כִּי זֶה יְשׁוּעָה גְּדוֹלָה וְנִפְלָאָה מְאֹד לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, כִּי אִם הָיָה נִשְׁאַר שָׁם בְּלֶמְבֶּרְג אֶפְשָׁר הָאוֹר הָיָה מִסְתַּלֵּק לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם וְלֹא הָיִינוּ שׁוֹמְעִין כָּל הַנּוֹרָאוֹת שֶׁהָיָה מְגַלֶּה לָנוּ אַחַר כָּךְ בְּתוֹרוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו שֶׁאָמַר אַחַר כָּךְ. בִּפְרָט הַמַּעֲשִׂיּוֹת, שֶׁעִקַּר הַמַּעֲשִׂיּוֹת הַגְּדוֹלוֹת גִּלָּה לָנוּ אַחַר כָּךְ, בִּפְרָט הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְס. וּבְוַדַּאי רָאוּי לְהָבִיא קָרְבַּן תּוֹדָה עַל יְשׁוּעָה כָּזֹאת.

דעם גאנצן אנדערן חלק איז דאך געזאגט געווארן נאך לעמבערג. אין די דריי יאר איז געווען די דריי תקעו'ס; 'תקעו ממשלה' (תנ' א') איז געווען תקס"ט, 'תקעו אמונה' (שם ה') איז געווען תק"ע, און 'תקעו תוכחה' (שם ח') - תקע"א, און די אלע אנדערע תורות.

---

[א] חיי מוהר"ן קי"ט; קפ"ג; ימי מוהרנ"ת ח"א, אות כ"ו.

[ב] שם נ"ט; קכ"ד.

> גַּם כַּמָּה פְּעָמִים אַחַר שֶׁבָּא מִלֶּמְבֶּרְג שָׁמַעְנוּ מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁנָּתַן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה גְּדוֹלָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל שֶׁחָזַר מִשָּׁם. וּבְעֵת הַטִּיּוּל בְּכָל עֵת שֶׁבָּא עַל אֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהָיָה שָׁם מִכְּבָר קֹדֶם שֶׁנָּסַע לְשָׁם הָיָה אוֹמֵר שֶׁרָאוּי לְשַׁבֵּחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל שֶׁחָזַר וֶהֱבִיאַנִי לְכָאן לַחֲזֹר וְלִהְיוֹת בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת, כִּי הָיִיתִי סָבוּר שֶׁחַס וְשָׁלוֹם לֹא אָשׁוּב לִרְאוֹתָם עוֹד.

**מיר װאלטן אויך געדארפט אזוי, אויף יעדער זאך געבן א שבח והודאה להשם יתברך, אויף יעדן מאמר, אויף יעדער תורה װאס מען לערנט, יעדן דיבור פונעם רבי'ן - געבן א שבח והודאה להשם יתברך; ביי װעמען האט דער דיבור א חשיבות? אזא תורה - ביי װעמען האט דער תורה צו א סיפורי מעשיות א חשיבות - ביי װעמען? נאר ביי אונז! דארף מען דאך געבן א שבח והודאה װאס מיר זענען אין דעם חלק װאס ביי אונז האט א חשיבות די זאך![ג] די מעשיות הנוראים - אזעלכע גדלות'ן, און עס האט גארנישט קיין חשיבות, אדרבה, מען איז עס נאך מבזה...**

**רבי נתן רעדט אלץ אין די מכתבים, 'מען זאל זיך מחיה זיין װאס מען איז נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן!' װארום דער גאנצער רבי'נס זאך איז נאר דאס ענין פון 'התחדשות'!**

**יעדער דיבור פונעם רבי'ן, יעדער מאמר - נאר פון התחדשות, זיך באנייען אין דער זאך! אט דאס איז אינגאנצן אונזער זאך, מיר האבן דאך נישט קיין אנדערע זאך! װאס מיר האבן דעם רבי'ן, איז נאר װאס מען באנייט זיך מער און מען פריידט זיך מער! װאס מער מיר גיבן א שבח והודאה צום אויבערשטן פארן רבי'נס זאך, איז מען נענטער צום רבי'ן, פילט מען מער דעם רבי'ן!**

---

ג עיין בעלים לתרופה במכתב ממוהרנ"ת לר' אפרים מקרעמינטשוק: "אִלְמָלֵא לָא אָתֵינָא לְעָלְמָא אֶלָּא לְמִשְׁמַע דָּא מֵעִנְיַן הַשְּׁלֹשָׁה נְקֻדּוֹת שֶׁהִזְכַּרְתִּי כָּאן שֶׁנּוֹבְעִים מֵהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְכוּ' דַּיֵּינוּ. **וְכֵן עַל כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר. מִכָּל שֶׁכֵּן עַל כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְעַל כָּל מַעֲשֶׂה וּמַעֲשֶׂה צְרִיכִין לוֹמַר זֹאת בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְאֵיךְ שֶׁהוּא עַל כָּל פָּנִים אַשְׁרֵינוּ וְכוּ'. און טַאקֶי פָּארְט אַשְׁרֵינוּ".**

ר' נחמן טולטשינער איז געבוירן געווארן בשנת תקע"ד, ער האט דאך געהייסן נאכן רבי'ן. אין די תק"צ יארן קאכט זיך: 'ר' נחמן' 'ר' נחמן' (בעלים לתרופה), ער איז דעמאלט אלט געווען צוואנציג יאר!

האט ער געזאגט: "ער האט געהערט רבי נתן'ען לערנען די תורה פון 'כי מרחמם ינהגם'[ד] נאך חצות - גלייך אזוי ווי ער הערט עס איצטער פונעם רבי'ן!" דעמאלט האט שוין רבי נתן אזוי פיל הלכות געמאכט אויף דער תורה, און יעדערווארט וואס ער האט געזאגט – "אט זאגט דער רבי!" ער הערט פונעם רבי'ן יעדעס ווארט! - אזוי האט רבי נתן געלערנט די תורה 'כי מרחמם ינהגם'[ה].

רבי נחמן איז געווען א מבין...

נו, אט די זאך דאס איז דער עיקר, יעדער דיבור פונעם רבי'ן זאל זיין ביי אונז חשוב, יעדע עצה פונעם רבי'ן זאל זיין ביי אונז חשוב! דער רבי רעדט פון 'התבודדות', דער רבי רעדט פון 'חצות', דארף מען זיך איבער'חזר'ן מיט א חבר, און אז נישט - דארף מען אליין אריינרעדן אין זיך אריין, מאכן די זאך זאל זיין ביי מיר ניי און פריש, דאס איז אינגאנצן דעם רבי'נס זאך, דאס איז דאס אינגאנצן! וואס די מענטשן זענען געווען נענטער צום רבי'ן, איז ווייל זיי האבן דאס געטוהן, עס איז געווען ביי זיי טאקע ממש א פרישע זאך!

❖

# א קול פון וואלד

מיין שווער ע"ה (ר' אהרן קיבליטשער) איז נישט געווען קיין אלטער איד, ער איז אלט געווען דריי-פיר און (זיבעציג) [זעכציג יאר] ווען ער איז נפטר געווארן, אבער איך האב אים געזעהן, איך בין דאך געווען זיינער אַן איידעם עטליכע יאר, אַן ארעמאן געווען,

---

[ד] ליקוטי מוהר"ן תניינא ז'.

[ה] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ב, רי"ח.

אַן אביון מדוכא, אבער אין דעם רבי'נס זאך איז ער געווען אזוי פריש, אזוי ממש אז די אלע יונגעלייטלעך האבן זיך געדארפט שעמען פאר אים! אזוי פריש! דער 'זיך לייגן שלאפן', דאס אויפשטיין זיינער, זיין זריזות...

די שוויגער ע"ה האט אויף אים עדות געזאגט בשעת ער איז נפטר געווארן: "**פערציג יאר האסטו קיין איין נאכט נישט פארפעלט קיין חצות!**

(אויך האט זי געזאגט:) "**אַה, אהרן, 'איך' וויים ווער דו ביסט געווען, 'איך' וויים ווער דו ביסט געווען!**".

א איד, אַן ארעמאן, א קבצן, א שלעפער, ער האט אזוי גוט געמאכט, ער האט אזוי גוט געמאכט; פארוואס? ווייל ער האט זיך אריינגעלייגט אינעם רבי'נס זאך! ער פלעגט ליינען קריאת שמע שעל המיטה אין א ווינקעלע, אזוי לאנג געליינט קריאת שמע שעל המיטה, און גערעדט צום אויבערשטן! - ביי אלע יסודות'דיגע זאכן געווען אזוי, ביי 'קימת חצות' – ער האט קיינמאל קיין זייגער נישט געהאט! ער האט זיך אויפגעהויבן 'פונקט' ווי גלייך ער האט א זייגער, אזוי (שטארק) איז ער שוין געווען מורגל אין דער זאך, דאס איז אינגאנצן געווען זיין זאך, זיין חיות געווען!

ווען רבי שמשון (בארסקי ז"ל) האט חתונה געמאכט די (יונגסטע) טאכטער זענען געפארן אויף דער חתונה עטליכע מענטשן (מאנ"ש) - איך בין נישט געפארן אויף דער חתונה. ר' ישראל כהן איז דעמאלט געווען אין קיבליטש און ער איז אויך געפארן אויף דער חתונה, און דער שווער איז אויך געפארן.

האט מיר ר' ישראל כהן פארציילט, אז מען פארט דארטן אויפן וועג דארף מען דורכפארן א וועלדל, האט מען געדארפט פארן ווייטער, הערן זיי עפעס א קול אינעם וועלדל, א געשריי פון דעם וועלדל, עפעס א קול פון א מתבודד - דער שווער איז שוין געווען אין דעם וועלדל, ער איז שוין אוועקגעלאפן פריער אין דעם וועלדל, זיי האבן שוין געהערט א קול פון א מתבודד, א קול שרייט אין וואלד צום אויבערשטן! נאכדעם איז דער פירל צוגעגאנגען דארטן, שטייט שוין דער שווער

מיט א געלעכטער, מיט א שמייכל: "אה, וואו זענט איר געווען?" - גליך ווי גארנישט...

ר' ישראל כהן איז דאך געווען א איד אַן עובד ה', האט ער דערציילט ווי ער האט געזעהן א איד, אַן עלטערער מענטש, א קראנקער מענטש, געווען אַן ארעמאן - און אזוי פריש, געכאפט א ווערטל, ער איז שוין דא אין ווערטל פריער, דאס פירל ווארט שוין אויף אים. נו, ער האט טאקע געמאכט גוט!

דאס איז אונזער זאך, דאס! דעם רבי'נס זאך דארף זיין ביי אונז חשוב, חשוב! אויף יעדן דיבור - דאנקען דעם אויבערשטן, דאנקען השי"ת אז דער דיבור האט ביי מיר א חשיבות, איך בין נישט מזלזל אין דעם דיבור, אדרבה, איך דאנק דעם אויבערשטן דערויף. און ווער שמועסט אז מען לערנט א שטיקל ליקוטי מוהר"ן, מען רעדט דעם רבי'נס א דיבור, עס איז ביי מיר חשוב, עס איז דא אידן יראים וכשרים – ווי קומט מען לקרסוליהם? - און זיי זענען אזוי ווייט פונעם רבי'ן, זיי זענען מזלזל אינעם רבי'נס א דיבור, עס האט נישט ביי זיי קיין חשיבות.

❖

## צוגעווארט ביז זונטאג

(ממשיך בחיי מוהר"ן סימן פ':) "מַה שֶּׁנֶּאֱמַר שָׁם בַּסּוֹף עַל פָּסוּק 'וַיְהִי מִקֵּץ' עַל פִּי מַאֲמַר רַזַ"ל עַל 'בַּר בֵּי רַב דְּחָד יוֹמָא'" וכו'. ווען דער רבי האט געזאגט די תורה 'ימי חנוכה', האט דער רבי דעם שבת נישט אויסגעטייטשט דעם אויסטייטש פון 'ויהי מקץ', מען האט נישט געוואוסט פארוואס. דער רבי הויבט אָן א תורה און טייטשט נישט אוים. זונטאג איז געקומען איינער צום רבי'ן וואס ער איז געקומען צום רבי'ן אויף (שבת) חנוכה נאר ער האט נישט געקענט אָנלויפן דעם גאנצן וועג דארטן, און דער רבי האט צוגעווארט אויף אים און דעמאלט אויסגעטייטשט דעם פסוק אויף 'ויהי מקץ'. דאס האט געהאט טאקע א שייכות צו זיין זאך, אזוי ברענגט

ער דא (בחיי מוהר"ן), "בַּר בֵּי רַב דְּחָד יוֹמָא". די גמרא זאגט דאך[ו], א 'בר בי רב' איז געפארן א האלב יאר אהין און צוריק (כדי צו זיין אין ביהמ"ד) איין טאג אין יאר! האט ר' יוחנן געזאגט: "יוֹם יוֹם יִדְרוֹשׁוּן" – 'אפילו יום אחד בשנה חשוב שנה'! האט דער רבי דאס געזאגט אויף אים, ער איז דאך געקומען צום רבי'ן און ער האט נישט געקענט אנקומען צום רבי'ן אויף שבת חנוכה, האט דער רבי דערמאנט דארטן (דעם מאמר חז"ל).

"זֶה נִתְגַּלְגֵּל עַל יְדֵי אִישׁ אֶחָד מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים שֶׁנָּסַע אֵלָיו עַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה מִבְּרֶסְלוּב" - פון ברסלב; וואס הייסט "מברסלב" - ער איז דאך געפארן צום רבי'ן? די תורה האט דאך דער רבי געזאגט אין ברסלב, אפשר "בברסלב" דארף שטיין, "מברסלב"?[ז] - -

"וְנִתְעַכֵּב בְּנֶעמְרוֹב וְלֹא בָּא עַל אוֹתוֹ שַׁבָּת" - דער מענטש האט זיך פארהאלטן אין נעמירוב און ער איז נישט אנגעקומען אויף שבת קיין ברסלב. "נאך שבת איז ער געקומען צום רבי'ן, און דער רבי 'בעת שאמר התורה "ימי חנוכה"', האט נישט מסיים געווען צו מפרש זיין דעם פסוק 'ויהי מקץ' אויף דער תורה ביז דער מענטש איז געקומען נאך שבת, דעמאלט האט דער רבי אנגעהויבן מפרש זיין 'מקרא הנ"ל על פי מאמר רז"ל מענין 'בר בי רב דחד יומא'', און דאס איז טאקע געווען 'מענינו', ווארום דער מענטש איז ממש געווען א 'בר בי רב דחד יומא',

[ו] חגיגה ה' ע"ב: רַב אִידִי אֲבוּהָ דְּרַבִּי יַעֲקֹב בַּר אִידִי הֲוָה רָגִיל דַּהֲוָה אָזֵיל תְּלָתָא יַרְחֵי בְּאוֹרְחָא, וְחַד יוֹמָא בְּבֵי רַב, וְהָווּ קָרוּ לֵיהּ רַבָּנָן "בַּר בֵּי רַב דְּחַד יוֹמָא". חָלַשׁ דַּעֲתֵיהּ, וְקָרֵי אַנַּפְשֵׁיהּ, (איוב יב) "שְׂחוֹק לְרֵעֵהוּ אֶהְיֶה, קוֹרֵא לֶאֱלוֹהַּ וַיַּעֲנֵהוּ". אֲמַר לֵיהּ רַבִּי יוֹחָנָן, בְּמָטוּ מִינָּךְ, לָא תַעֲנֵישׁ רַבָּנָן. נְפַק רַבִּי יוֹחָנָן לְבֵי מִדְרָשָׁא וְדָרַשׁ, (ישעיה נח) **"וְאוֹתִי יוֹם יוֹם יִדְרוֹשׁוּן וְדַעַת דְּרָכַי יֶחְפָּצוּן", וְכִי בַּיּוֹם דּוֹרְשִׁין אוֹתוֹ, וּבַלַּיְלָה אֵין דּוֹרְשִׁין אוֹתוֹ? אֶלָּא, לוֹמַר לָךְ, כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה - אֲפִילּוּ יוֹם אֶחָד בַּשָּׁנָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילּוּ עָסַק כָּל הַשָּׁנָה כּוּלָּהּ.**

[ז] בחיי מוהר"ן בדפוס ראשון (1874) כתוב: "שנסע אליו על שבת חנוכה **מברייליוב**". ומשם ואילך נשתבש הדפוסים. גם בפרפראות לחכמה (1876) מעתיקו על נכון: "שנסע אליו על שבת חנוכה **מבראהילוב**". כיום נקרא '**בראילוב**' - עיר כשבעים קילומטר מברסלב.

שבת איז ער דאך נישט געווען ביים רבי'ן, נאר נאך שבת איז ער געווען איין טאג ביים רבי'ן 'בחול'".

"האבן מיר געזעהן נִפְלְאוֹת ה', שֶׁעַל יָדוֹ דַּיְקָא נֶאֶמְרוּ דְּבָרִים אֵלּוּ שֶׁיֵּשׁ לָהֶם שַׁיָּכוּת אֵלָיו"; דער רבי האט דאך צוגעגרייט א תורה וואס אין דער תורה איז שוין געווען א רוח הקודש אז דער מענטש וועט נישט קומען צו אים אויף שבת... "וְהֵם מְרֻמָּזִים בַּמִּקְרָא הַנַּ"ל וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר מַה שֶּׁיֵּשׁ בְּלִבִּי עַל זֶה. כִּי כָּל דְּבָרָיו הָיוּ בְּמִשְׁקָל גָּדוֹל וְנִפְלָא כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. וְגַם אָז רָאִיתִי זֹאת כִּי מִקֹּדֶם בְּשַׁבָּת לֹא גִּלָּה כְּלָל עַל הַמִּקְרָא וַיְהִי מִקֵּץ, כִּי הִתְגַּלּוּת הַתּוֹרָה הִיא כְּפִי הַנְּפָשׁוֹת שֶׁנִּמְצָא אָז לְפָנָיו (כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה אַשְׁרֵי בְּלִקּוּטֵי א' בְּסִימָן י"ג. וְכֵן בְּהַתּוֹרָה תִּשְׁעָה תִּקּוּנִים סִימָן כ' בְּלִקּוּטֵי א). וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא הָאִישׁ הַנַּ"ל אָז גִּלָּה פֵּרוּשׁ הַתְחָלַת הַמִּקְרָא עַל פִּי הַתּוֹרָה הַנַּ"ל, הַיְנוּ וַיְהִי מִקֵּץ וְכוּ' כַּמְבֹאָר בִּמְקוֹמוֹ עַיֵּן שָׁם. אֲבָל שְׁאָר הַמִּקְרָא לֹא סִיֵּם לְפָרֵשׁ. וְאָנֹכִי הִצְטַעַרְתִּי מְאֹד אוֹתוֹ שֶׁיְּפָרֵשׁ לָנוּ הַשְּׁאָר וְלֹא רָצָה בְּשׁוּם אֹפֶן. וְאָז רָאִיתִי אֵיךְ כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר יוֹצֵא בְּמִשְׁקָל כְּפִי הַנְּפָשׁוֹת וְכִסּוּפִין וְכוּ'.

"גַּם מַה שֶּׁמְּבֹאָר שָׁם עַל הָאַרְבָּעָה דְּבָרִים שֶׁהֶרְאָה רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁהֵם חָרוּב יוֹכִיחַ וְכוּ', גַּם הִתְגַּלּוּת אֵלּוּ הַדְּבָרִים לֹא גִּלָּה בִּשְׁעַת אֲמִירַת הַתּוֹרָה רַק בְּדֶרֶךְ כְּלָל, אֲבָל לֹא בֵּאֲרָם בְּפֵרוּשׁ כְּמוֹ שֶׁמְּפֹרָשׁ עַתָּה, עַד שֶׁבָּא אָחִיו רַבִּי יְחִיאֵל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם עוֹד אֲנָשִׁים שֶׁנָּסְעוּ גַּם כֵּן עַל אוֹתוֹ שַׁבָּת" - פון קרימענטשוק, עס איז ווייט! "וְנִתְעַכְּבוּ גַּם כֵּן, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּאוּ, אָז דַּיְקָא גִּלָּה עִנְיָן הַנַּ"ל. וּבֵאֵר הָאַרְבָּעָה דְּבָרִים הַנַּ"ל עַל פִּי הַתּוֹרָה הַנַּ"ל בְּפֵרוּשׁ כַּנַּ"ל".

❖

## אויסוויינען דעם טאג

מיר האבן דאך שוין איצטער דעם גאנצן ליקוטי מוהר"ן, מיר האבן שוין ברוך השם די אלע תורות, ברוך השם - די אלע שיחות, דאס האבן מיר דאך אלץ, מיר האבן דאך אלץ דעם אוצר, נאר וואס דען, מיר דארפן נאר רעדן איינער מיטן אנדערן, זיך באנוצן מיט די אוצרות, אזוי ווי ער (דער אָדלער) האט געזאגט דארטן אין

דעם ערשטן טאג פון די ז' בעטלערס[ח]: **"הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶע לַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת, אוּן נִיצְט מִיט אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת!"**

עס איז דאך א רחמנות אויף אונז, מיר האבן אזעלכע אוצרות און מיר לעבן אַן ארעם לעבן, מען קען דאך לעבן א רייך לעבן! א רייך לעבן קען מען דאך לעבן; וואס הייסט א רייך לעבן? נוצן מיט די אוצרות, דאס איז עפעס א קלייניקייט? אזעלכע אוצרות פונעם רבי'ן, אה! דעמאלט איז עס אנדערע טעג, עס איז אנדערע נעכט.

עס שטייט דארטן[ט]: "ויקרבו ימי דוד / ימי ישראל". פלעגן אונזערע לייט זאגן, עס שטייט טאקע "ימי", אבער אינ'אמת'ן איז געווען, נישט נאר די טעג האבן געגענט - די נעכט אויך, א טאג מיט א נאכט איז א טאג. אלע טעג קומען צוגיין ביים הסתלקות און ווייזן זיך ארויס[י]. אז דער אויבערשטער העלפט עס איז א גוטע נאכט, א גוטער טאג, אה – א געשמאק, דער נפטר קוקט - א מחיה, 'דער' טאג, 'דער' טאג - גוטע טעג, אבער עס שטייט דאך די אנדערע טעג אויך. נאר וואס דען? אז ער האט געפאלגט דעם רבי'ן - אפילו דער טאג וואס איז נישט אזוי שיין האט ער אים אויסגעוויינט מיט חרטה מיט תשובה, ווערט עס אויך א שיינער טאג.

דאס איז דאך עפעס א ישוב הדעת, דאס וויסן אז אלע טעג קומען, אלע טעג קומען, די טעג מיט די נעכט, אלעס קומט, מען מעקט נישט אוים. דוד המלך האט דאך תשובה געטוהן, ער איז געווען דער ראש פון אלע בעלי תשובה (כמו שאחז"ל[יא]:)

---

[ח] מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות.

[ט] בראשית מז, כט; מלכים-א ב, א.

[י] עי' זוהר הקדוש ויחי דף רכ"א ע"ב על פסוק זה: "הָכִי תָּאנָא, כַּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בָּעֵי לְאֲתָבָא רוּחֵיהּ לֵיהּ, כָּל אִינוּן יוֹמִין דְּקָאִים בַּר נָשׁ בְּהַאי עַלְמָא, אִתְפַּקְדָן קַמֵּיהּ, וְעָאלִין בְּחוּשְׁבְּנָא... זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ דְּהַהוּא בַּר נָשׁ, דְּיוֹמוֹי אִתְקְרִיבוּ גַּבֵּי מַלְכָּא בְּלָא כִּסוּפָא, וְלָא דָחֵי יוֹמָא מִנַּיְיהוּ לְבַר, דְּיִשְׁכַּח בְּהַהוּא יוֹמָא, דְּאִתְעֲבִיד בֵּיהּ חוֹבָא. בְּגִין כָּךְ, כְּתִיב בְּצַדִּיקַיָּא, **קְרִיבָה**, מִשּׁוּם דְּקָרִיבוּ יוֹמוֹי קַמֵּי מַלְכָּא, בְּלָא כִּסוּפָא".

[יא] מועד קטן טז:

**"הוּקַם עָל" – 'שהקים עולה של תשובה'! אבער דער פגם שטייט, אויסגעמעקט - נישט, ער האט געבעטן דעם אויבערשטן** ("ונקיתי מפשע רב"[יג]. אמר לו הקב"ה:) **'דאס נישט! איך וועל זאגן אז דו האסט געטוהן תשובה, אבער אויסמעקן וועל איך נישט!'**[יג]

**איז דאך א געוואלד! עס שטייט! אויפן בלעטל שטייט דער פגם, נאר ווייטער שטייט אז ער האט געטוהן תשובה, אבער דאס מעקט מען נישט אויס, דאס איז דאך עפעס אַ ענין, געוואלד און געשריגן!**

**דער רבי זאגט טאקע דארטן אין שיחות הר"ן[יד]: "מעביר ראשון ראשון"; עס איז פארהאן אמאל אזא זאך אז ווייל איך האב געטוהן די עוולה שלעפט עס אנדערע זאכענישן, קומט דאך אויס אז וויבאלד איך טוה נישט תשובה אויף יענער עוולה, איז די אלע פאלן נישט אראפ, דארף מען דאך אזוי טוהן תשובה אז עס זאל זיין "מעביר ראשון ראשון" - דאס ערשטע זאל אוועקפאלן, ממילא וועט דאס שוין אויך אוועקפאלן, דאס נעמט זיך דאך אלץ פון דארטן, דאס איז אלץ די זאך. דער אויבערשטער זאל העלפן, ישוב הדעת, ישוב הדעת,** (דורכדעם) **דערמאנט מען זיך, מען באקומט א זכרון, מען הויבט זיך אָן דערמאנען, מען הויבט אָן חרטה האבן, פאלט אוועק דאס ערשטע.**

❖

---

[יב] תהלים נא.

[יג] עיין גמ' סנהדרין ק"ז ע"א: "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, (תהלים יט) "שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין". אָמַר לוֹ, שְׁבִיקִי לָךְ. [- פרש"י: "מחול לך"]. "מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי" - שְׁבִיקִי לָךְ. "גַּם מִזֵּדִים חֲשׂךְ עַבְדֶּךָ" - שְׁבִיקִי לָךְ. "אַל יִמְשְׁלוּ בִי אָז אֵיתָם" - דְּלָא לִישְׁתָּעוּ בֵּי רַבָּנָן - שְׁבִיקִי לָךְ. **"וְנִקֵּיתִי מִפֶּשַׁע רָב" - שֶׁלֹּא יִכָּתֵב סָרְחָנִי, אָמַר לוֹ, אִי אֶפְשָׁר ... אָמַר לְפָנָיו, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מְחֹל לִי עַל אוֹתוֹ עָווֹן - מָחוּל לָךְ"**.

[יד] אות פ"ט.

## ווייזט אויס אז מען דארף פילן

דער רבי רעדט דארטן אין דער מעשה פון דעם "רב ובן יחיד"[טו], דער בן יחיד האט נישט געפילט קיין טעם אין זיין לערנען און זיין דאווענען. זאגט דער רבי, "ער האט נישט געוואוסט פארוואס". פלעגן אונזערע לייט זאגן, ער איז געווען אזא מין גדול אז ער האט נישט געוואוסט 'פארוואס'. מיר אז מיר קענען נישט דאווענען, ווייסן מיר פארוואס - איבער די נארישקייטן. דער בן יחיד איז געווען אזא מין גדול אז ער האט נישט געוואוסט 'פארוואס קען איך נישט? פארוואס פיל איך נישט קיין טעם?!' ער איז געווען א בחינה פון 'מאור הקטן', ער איז דאך געווען זייער גרויס, האט ער נישט געוואוסט, פארוואס קען איך נישט דאווענען? פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין לערנען און דאווענען?! [ווייזט אויס אז מען דארף פילן עפעס א טעם!] האבן אים געזאגט די יונגעלייט: 'דו זאלסט קומען צו דעם און דעם רבי'ן, וועט ער דיר שוין זאגן פארוואס'.

זעהען מיר דאך דערוויל, אז מען פילט נישט קיין טעם, דארף מען נישט שווייגן; פארוואס אין עסן פיל איך יא א טעם?! טאמער די עסן איז נישט אזוי - ווייס איך אז דאס עסן טויג נישט... פארוואס זאל מיר נישט אַרן אז איך פיל נישט קיין טעם אינעם דאווענען? פארוואס זאל מיר דאס נישט ארן?! מען דארף זיך מיישב זיין, פארן צום צדיק, ער וועט דיר זאגן פארוואס!

איז א ראיה, ביי אידישקייט איז נישט שייך צו זאגן 'פיל איך יא - פיל איך נישט', ניין! עס איז דא עפעס א סיבה וואס דערפאר פילסטו נישט קיין טעם, איבער דער זאך דערפאר פילסטו נישט קיין טעם - נישט סתם, עס גייט נישט אזוי סתם. דער

[טו] מעשה ח' מספה"ק סיפורי מעשיות, וזל"ש בתחילתו: דֶער בֶּן יָחִיד פְלֶעגְט צוּ זִיצִין אוֹיף אֵיין אִיבֶּער שְׁטִיבְּל אוּן הָאט גִילֶערִינְט אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים אוּן פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוִוינֶען תָּמִיד, נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גִיפִּילְט אַז סֶע פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ חִסָרוֹן **אוּן הָאט נִיט גִיוואוּסְט וָואס**. אוּן עֶר הָאט נִיט גִיפִילְט קֵיין טַעַם אִין דֶעם לֶערְנֶען אוּן אִין דֶעם דַאוִוינֶען. הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי יוּנְגֶע לַייט, הָאבְּן זֵיי אִים אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן אַז עֶר זָאל פָארִין צוּ דֶעם אוּן דֶעם צַדִיק. אוּן דֶער בֶּן יָחִיד הָאט גִיטָאן אַ מִצְוָה, וָואס דוּרְךְּ דֶער מִצְוָה אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה **מָאוֹר הַקָטָן**.

רבי זאגט טאקע אין דער תורה דארטן פון אלול[טז], "אִם יִזְכֶּה שֶׁיַּרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאָיו" וכו' - אויב ער וועט האב א זכיה ער זאל פילן דעם כאב. פלעגן אונזערע לייט זאגן, ער האט דאך געדארפט זאגן ער זאל האבן א זכיה ער זאל 'פאררעכטן' דעם 'חטא'? דער רבי זאגט, ער זאל 'פילן' דעם 'כאב' החטא. (דער תירוץ איז), דאס איז איין זאך; אז ער וועט נאר פילן דעם 'כְּאֵב' וועט ער שוין פאררעכטן, מען דארף נאר פילן! אז א מענטש גיט זיך א צעקלאפ א פינגער, פילט ער שוין... אז ער כאפט אמאל א קוק וואו מען דארף נישט, אז ער רעדט אמאל א דיבור וואס מ'דארף נישט, א טראכט, דארף מען אויך שוין פילן דעם כאב, האבן א זכיה, פילן דעם כְּאֵב!

❖

## מען האט אים שוין געפאקט שרייען...

(ר' מאיר קארליבאך: וואס האט ר' ישראל כהן געטוהן אין קיבליטש?) ער איז געווען אין קיבליטש, זיי פלעגן קומען דארטן, ר' ישראל כהן פלעגט קומען, נאך דארטן, ר' ברוך (געצע'ס) פלעגט קומען אסאך מאל.

דער שווער פלעגט קומען אפט פון קיבליטש קיין אומאן צו ר' נחמן טולטשינער. ר' נחמן טולטשינער האט אזוי ליב געהאט דעם שווער, געווען אזא פרייליך אידל, פרייליך, ער האט אים זייער ליב געהאט אלס זיין שמחה. אין שטוב איז געווען פינעף-זעקס קינדער, מען דארף פאר זיי שידוכים, אזא ארעמאן, אזא ארעמקייט - און פרייליך! פרייליך! דאס איז א גרויסע זאך אין עבודת השם - די שמחה.

דער שווער פלעגט זאגן אז ר' פנחס קיבליטשער איז געווען אזא מין פרייליכער מענטש - א געוואלד! ער איז נפטר געווארן ביי עטליכע אין דרייסיג יאר, ער איז געווען ל"ע א חולה מסוכן, נאר זיין עבודת השם מיט זיין שמחה איז געווען געוואלדיג, געוואלדיג! די עבודה זיינע איז געווען געוואלדיג!

---

[טז] ליקוטי מוהר"ן קמ"א.

עס איז געווען אמאל פרשת 'בהעלותך', ער האט געזאגט די תורה פון "עתיקא" (סימן) כ"א, "בהעלותך", דער רבי רעדט דארטן אז מען דארף שרייען 'בין בתורה בין בתפילה'[יז]. נאך שלש סעודות - ר' פנחס איז שוין נישטא, מען האט שוין אים געדארפט זוכן, ער איז שוין מקיים, ער שרייט שוין אוים דארטן ערגעץ דער תורה! מען האט אים געפאקט דארטן אין עפעס אַן עזרת נשים - געשריגן! א קראנקער מענטש!

## ר' פנחס קיבליטשער

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אמאל זייער שטארק משבח געווען ר' פנחס'ן, ער האט דאך מקרב געווען ר' פנחס'ן. דער ר' פנחס איז געווען ביי רבי דוד'ל טאלנער דער יונגערמאן וואס האט גערעדט מיט יונגעלייט אין אידישקייט, ער האט אים בוחר געווען ער זאל רעדן מיט יונגעלייט אין אידישקייט, פון יראת ה'. זעהט מען, אז ר' דוד'ל טאלנער האט אים בוחר געווען אויף דער זאך - איז ער דאך געווען א תכשיט.

ער האט געוואוינט אין אומאן, און דער שווער זיינער האט זייער מורא געהאט אז אזא יונגערמאן קומט קיין אומאן, אפשר וועט ער וועלן אריינגיין אין ברסלב'ער שול. פלעגט דער שווער זיינער רעדן מיט אים אלע טאג: "דו זאלסט נישט אריינגיין אין ברסלב'ער שול" "דו זאלסט נישט אריינגיין אין ברסלב'ער שול". זאגט ער אים: "וואס איז? איך גיי דאך נישט!?" (וחשב לעצמו:) "וואס איז מיט אים, איך גיי דאך נישט!?" האט ער אזוי פיל גערעדט מיט אים אז ער האט זיך מיישב געווען: "לאמיר אריינגיין זעהן וואס איז דארט - וואס איז דארטן וואס מען זאגט מיר איך זאל נישט אריינגיין!?"

עס איז געווען דעמאלט אין די למד'ן (בשנות התר"ל), דעמאלט איז רבי אברהם ר' נחמן'ס געווען בימי חורפו פון זיין עבודה. האט רבי אברהם ר' נחמן'ס דערציילט,

---

[יז] וזל"ש באות ז': "וְלִפְעָמִים יֵשׁ, שֶׁהַמֹּחִין וְהַשֶּׁפַע אֱלֹקִי הוּא בְּהֶעְלֵם, בִּבְחִינַת עִבּוּר, **וְאָז יָפֶה צְעָקָה לְאָדָם, בֵּין בִּתְפִלָּה בֵּין בְּתוֹרָה**" וכו' עיין שם.

ער (ר' פנחס) איז אריינגעקומען אין פּאָליש, איך האב א קוק געגעבן אויף דעם יונגערמאן, האב איך פארשטאנען פארוואס ער איז אריינגעקומען, האב איך אים געזאגט: "יונגערמאן, קום ארויף!" ער איז ארויפגעגאנגען מיט אים אויבן אין עזרת נשים און אפגעלערנט מיט אים דער תורה פון ט' תיקונים[יח] מיט דער מראה פון "אחד שוכב על הארץ"[יט] - האט ער אים מקרב געווען!

ר' פנחס איז געווען א גרויסער למדן און א גרויסער איש צדיק. איז רבי אברהם ר' נחמן'ס האט אים גענומען (מקרב געווען). ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט טאקע: "דער טאטע מיינער וואלט אים נישט געקענט נעמען" - ער וואלט אים נישט געקענט מקרב זיין. ר' פנחס איז געווען א למדן, ער איז נישט געווען קיין סתם מענטש.

זיי (המתנגדים) האבן ממש אפגעמאכט ביי זיך אז מען זאל אים הרג'נען. האט ר' נחמן טולטשינער א קוק געגעבן - עס איז דאך שלעכט, ער האט דאך געוואוסט ווער דער יונגערמאן איז. איז געווען דארטן א שטעטעלע, עס הייסט "סטאפאטשיק" - נישט ווייט פון טולטשין, איז געווען דארטן ר' ישראל סטאפאטשיק - פון רבי נתן'ס מענטשן, פון די גרויסע מענטשן, פון די גרויסע עובדי השם, ער איז געווען – נישט קיין ארעמאן, האט אים ר' נחמן אוועקגעשיקט צו רבי ישראל סטאפאטשיק דארטן, און אים מיטגעגעבן א בריוו, האט ער אים געשריבן אין דער בריוו דארטן וואס ער האט געשריבן. איז ער געקומען אליין, און די ווייב איז געבליבן דארטן אין אומאן מיט דער (משפחה) אליין.

ער איז געקומען אהינצו דארטן, אריינגעקומען אין שטוב אריין, האט ער געטראפן רבי ישראל'ן אינמיטן ווי ער דאווענט מנחה - ווי ער האט געזאגט די 'קטורת' מיט אזא מין כוונה, מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן. דער ר' פנחס איז דאך געווען

---

[יח] ליקוטי מוהר"ן סי' כ'.

[יט] חיי מוהר"ן אות פ"ג, עיין שם בא"ד: "וְהַתּוֹרָה הַמַּתְחֶלֶת תִּשְׁעָה תִּקּוּנִין בְּלִקּוּטֵי א' סִימָן כ' הוּא כֻּלּוֹ פֵּרוּשׁ עַל זֹאת הַמַּעֲשֶׂה. וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין שָׁם כַּמָּה רְמָזִים נִפְלָאִים מִזֹּאת הַמַּעֲשֶׂה עַיֵּן שָׁם".

א ירא שמים, אבער דאס האט ער נאכנישט געהערט - אזא קטורת! עס איז דאך געווען אין א דארף, קיין מנין איז נישט געווען דארטן, אליין דאווענען מיטן אויבערשטן - אליין - מיט אזא מין כוונה... "ולמה אין מערבין בה דבש? מפני שהתורה אמרה"! "שהתורה אמרה!" - עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן. ער האט געזעהן - עס האט געקאכט. און נאכדעם, די שמונה עשרה - מיט אזא דביקות צום אויבערשטן!

אז ער האט אפגעדאווענט, האט ער אים איבערגעגעבן דער בריוו פון ר' נחמן טולטשינער. זאגט ער: "נו, יונגערמאן, איר וועט זיין ביי מיר, איר וועט לערנען מיט מיינע אייניקלעך!"

שוין, עס איז אריבער א שטיקל צייט, דער אויבערשטער פירט דאך דער וועלט, דערווייל איז דער שווער אוועק - מען האט אים אוועקגעשיקט... און דאס ווייב זיינע האט געזאגט, 'איך האב א מאן א צדיק - איך וויל אין אים, איך האב נישט קיין חסרון אויף אים!' שוין, איז ער געקומען קריק, עס איז געווארן שלום. אבער ער איז שוין נישט געקומען קיין אומאן, נאר ער איז ארום קיין קיבליטש אזוי באהאלטן.

(האבן געזעהן די שטאט לייט) אין קיבליטש - עס איז געקומען א יונגערמאן, זיי האבן געזעהן אויף דער צורה אז דאס איז עפעס א חשוב'ער יונגערמאן. (האבן זיי אים געפרעגט וואס ער זוכט. האט ער געענטפערט:) "איך בין א מלמד, איך וועל לערנען מיט קינדער!" האט מען אים געגעבן קינדער צו לערנען. די קינדער האבן אנגעהויבן וואקסן אין אידישקייט מיט יראת שמים. א קינד אז מען גיט אים דארטן עפעס א קאפיקע, קויפט ער זיך (עפעס עסן וכדו'), אבער 'די' קינדער גיבן צדקה, ער האט מרגיל געווען די קינדער צו געבן צדקה פארן דאווענען און פארן עסן. (התפלאו אנשי העיר:) 'וואספארא מלמד איז ער? גארנישט קיין מלמד - עפעס א מלאך!' אלע האבן געגעבן די קינדער צו אים.

דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) איז דעמאלט געווען א חתן, ער איז אלט געווען צוועלף יאר(!). אמאל, ביי די עלף-צוועלף איז מען געווארן א חתן. און דער מחותן האט אים געגעבן צו א מלמד צו לערנען, האט ער אויך געלערנט ביי ר' פנחס'ן.

אז ר' פנחס פלעגט אוועקפארן אויף ראש השנה, (האט מען אים געפרעגט) וואו פארט ער? (השיב:) ער פארט דארטן צו 'דעם' רבי'ן, צו 'דעם' רבי'ן, אלץ געווען פארבאהאלטן.

דאס שטעטל האט זיך געקאכט, עס איז געקומען א יונגערמאן און ער מאכט דאס שטעטל אידן פאר יראי השם, די קינדער וואקסן ביי אים! וואו האט מען דאס געזעהן? אזא מין מלמד? און מען ווייסט נישט ווער ער איז, מען ווייסט נישט פון וואנעט דאס איז.

ביז מיטאמאל איז עס געקומען - דער שווער האט דערציילט, ר' פנחס האט אזוי געזאגט: "עס איז געקומען דער זמן וואס מען דארף אויסזאגן דעם סוד, 'הבוחר יבחר, והחדל יחדל'; דאס זאלט איר וויסן - איך בין ברסלב, דאס איז אלץ פון ברסלב!" עס זענען דעמאלט אסאך אפגעשפרונגען, אבער אסאך זענען געבליבן - דער שווער, ר' חיים קיבליטשער, און נאך גרויסע זענען געבליבן, זעכצן מענטשן זענען געבליבן!

נו, עס האט זיך אנגעהויבן קאכן, עס איז שוין נישט געווען דער ר' פנחס, ער האט שוין אנגעווארן דאס חשיבות, אבער ער איז געוועזן...

דער שווער פלעגט רעדן פון ר' פנחס'ן: "מען קען גארנישט אויסמאלן וואספארא מענטש דאס איז געווען - ממש 'לית דין בר נש'! עפעס א מלאך אלקים!" זיין קראנק - א גאנצע וואך זיך נישט געוואשן צום עסן, ער האט נישט געקענט עסן קיין כזית, שבת האט ער זיך געוואשן מיט געוואלד ער זאל קענען אראפשלינגען דעם כזית, א חולה געווען, און זיין עבודת השם מיט זיין דביקות צום

אויבערשטן, זיין שמחה, א געוואלד א געוואלד! ער איז געווען קראנק אויף די לונגען.

פארוואס דערציילן מיר דאס דא? דער אויבערשטער האט געהאלפן - אזא ערליכער איד ער האט 'דערפילט' (דעם רבי'נס זאך). ער איז דאך געווען א חשוב'ער יונגערמאן; אז דער טאלנער האט אים אויסגעקליבן ער זאל רעדן מיט יונגעלייט אין אידישקייט, איז ער דאך געווען שוין פריער א גרויסער ירא שמים און א גרויסער למדן. און אז ער האט דערלאנגט דעם רבי'נס זאך, האט ער אנדערש דערפילט דעם רבי'נס זאך; ר' אברהם ר' נחמן'ס האט מיט אים אפגעלערנט דער תורה פון ט' תיקונים און די מראה פון "אחד היה שוכב" - דארטן ליגט דאך אסאך, דערמיט האט ער אים אריינגעגעבן אזוי אז ער האט אים מקרב געווען. ער האט שוין נאכדעם געזעהן וואספארא מענטש ר' אברהם ר' נחמן'ס איז - אין יענע צייטן בימי חורפו...

❖

## "אֲחַזְתִּיו - וְלֹא אַרְפֶּנּוּ"

איך האב געהערט פון אונזערע לייט, זיי האבן געזאגט פון מענטשן וואס זענען געווען עלטער פון ר' אברהם ר' נחמן'ס: "דער רבי אברהם ר' נחמן'ס - אין די צייטן פונעם בעל שם הקדוש וואלט ער אויך געווען א חידוש מיט זיין עבודה!" - ער איז געווען עפעס א געוואלד! פארוואס דערציילן מיר דאס? אז דער אויבערשטער העלפט אז מען נעמט אריין דעם רבי'נס זאך, איז מען ממש עלול אז מען זאל זיין אַן איש כשר, אַן איש צדיק, אַן איש קדוש, אלעם ליגט אט דא - נאר נעם עס אריין! נעם עס אריין, נישט אפגענארט, נעם עס אריין, נישט פון אויבן אויף, נעם עס אריין אזוי ווי מען דארף!

דער רבי איז א סוד! אונזערע לייט פלעגן זאגן[כ]: "דער רבי איז א סוד! און אז מען ווערט מקורב, הייסט דאך עס אז מען האט מיר אויסגעזאגט דעם סוד -

---

[כ] בשיש"ק ח"ד, אות שפ"ט, מביאו משם החסיד ר' דוד צבי דאשיווסקע.

**אבער ער איז ווייטער א סוד! ער איז ווייטער א סוד!". דער רבי איז א סוד, דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף דער וועלט, אראפגעשיקט אזא מין רבי'ן, ער איז א סוד, דארף מען אים זוכן און זוכן.**

**רבי נתן האט אמאל געזאגט דער תורה ט"ו (בליקוטי מוהר"ן), "מי שרוצה לטעום טעם אור הגנוז - איז דורך 'משפט'"[כא]. האט רבי נתן געזאגט: "אזוי איז דער פשט: פילן דעם טעם פונעם רבי'ן, וואס דער רבי איז אַן אור הגנוז, איז דורך משפט און התבודדות!"[כב].**

**דארף מען זיך אסאך משפט'ן און זוכן דעם רבי'ן, פילן דעם רבי'ן. עס איז געווען ביי אונז אין יעדן דור אזעלכע וואס האבן דערפילט דעם רבי'ן, אבער נישט אלע זענען געווען גלייך. אפילו פון דעם רבי'נס תלמידים אליין האט דער רבי געזאגט: "אזוי ווי די וואס [קריגן אויף מיר] ווייסן נישט פון מיר - אזוי די וואס ווייסן יא, ווייסן אויך נישט פון מיר, נאר נתן, און נפתלי - אביסל!" איז דאך אויך געווען חילוקים. פארוואס? ווייל דער רבי איז אזא מין רבי וואס מען דארף אים זוכן!**

**מען דארף אים זוכן! מיט וואס דארף מען אים זוכן? מיט התבודדות, מיט לימוד! זוך - וועט מען געפינען, און וואס מער מען וועט זוכן, וועט מען מער געפינען! אזוי איז געווען אין יעדן דור, די וואס האבן אים געזוכט, האבן אים טאקע געפונען. אלע האבן געמאכט גוט און געפאלגט דעם רבי'ן, אבער טאקע געפינען אים - זענען געווען אין יעדן דור געציילטע מענטשן וואס זיי האבן אים געזוכט און האבן אים**

---

[כא] וזל"ש באות א': "**מִי שֶׁרוֹצֶה לִטְעֹם טַעַם אוֹר הַגָּנוּז, הַיְנוּ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה שֶׁיִּתְגַּלֶּה לֶעָתִיד, צָרִיךְ לְהַעֲלוֹת מִדַּת הַיִּרְאָה לְשָׁרְשָׁהּ. וּבַמֶּה מַעֲלִין אֶת הַיִּרְאָה? בִּבְחִינַת מִשְׁפָּט**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי כט): "מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אָרֶץ", וְאֶרֶץ הוּא בְּחִינַת יִרְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ע"ו): "אֶרֶץ יָרְאָה", הַיְנוּ שֶׁיִּשְׁפֹּט אֶת כָּל עֲסָקָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם קי"ב): "יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בַּמִּשְׁפָּט", **הַיְנוּ שֶׁיִּשְׁפֹּט וְיָדִין בְּעַצְמוֹ כָּל עֲסָקָיו**, וּבָזֶה יָסִיר מֵעָלָיו כָּל הַפְּחָדִים, וְיַעֲלֶה בְּחִינַת יִרְאָה בָּרָה וּנְקִיָּה, וְתִשָּׁאֵר אַךְ יִרְאַת־הַשֵּׁם וְלֹא יִרְאָה אַחֶרֶת".

[כב] עיין אמונת אומן מכתב כ"ו; ובשיש"ק ח"ג (חדש) אות תקע"ו.

געפונען. אז זיי האבן אים געפונען, האבן זיי שוין אים געהאלטן, "אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ"[כג].

## אַן ערב שבת ביי אונזערע לייט...

ר' אברהם ר' נחמנ'ס פלעגט זאגן שיר השירים פרייטאג: 'אחזתיו'! אחזתיו! 'ולא ארפנו!' - אה, ער האט אנגעהאלטן! 'אחזתיו ולא ארפנו', ממש איך האלט אָן א זאך, איך לאז עס נישט אפ![כד]

אונזערע לייט האבן געהאט א גרויסע עבודה, זיי פלעגן קומען אין שול אריין ערב שבת אסאך אסאך פאר לעכט בענטשן. דארטן האט מען געבענטשט לעכט אפשר אנדערהאלבן שעה פאר צאת הכוכבים, דארטן פון דער שקיעה ביז צאת הכוכבים איז דאך דא 72 מינוט, פלעגט מען קומען אסאך פריער. אין שטאט - אלע קלייטן זענען נאך אפן, און מען איז שוין געווען אין שול, מען האט זיך שוין (געגרייט).

**ר' אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט: "אויף דריי זאכן דארף א מענטש אליין (אויסווארטן): א מענטש דארף ווארטן אויף 'חצות', ער דארף ווארטן אויפן 'שבת', און מען דארף ווארטן ער זאל מעגן לייגן דעם 'טלית'!"** - דאס איז דריי זאכן וואס דער מענטש דארף אליין משתוקק זיין דערצו און ווארטן עס זאל קומען.

---

[כג] שיר השירים ג, ד.

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ה, אות כ"ו: עַל כֵּן הָרוֹצֶה לָחוּס עַל נַפְשׁוֹ וְלַחְשֹׁב עַל תַּכְלִיתוֹ לָנֶצַח בֶּאֱמֶת צָרִיךְ לָשׂוּם אֶל לִבּוֹ הֵיטֵב לִהְיוֹת חָזָק בְּדַעְתּוֹ בְּהִתְחַזְּקוּת עָצוּם לֶאֱחֹז עַצְמוֹ בְּהַצַּדִּיק הַזֶּה הָעוֹסֵק בְּתִקּוּן נַפְשׁוֹ וּלְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ עַמְקוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו וּדְרָכָיו הָאֲמִתִּיִּים וְהַתְּמִימִים וְכַנַּ"ל, **וּלְקַיֵּם אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ** עַד וְכוּ'". ושם בהל' נזיקין ה"ד, אות ט"ו: "וְזֶהוּ בְּחִינַת כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי מֵהֶם עַד שֶׁמָּצָאתִי אֶת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי **אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ** עַד שֶׁהֲבֵאתִיו אֶל בֵּית אִמִּי וְאֶל חֶדֶר הוֹרָתִי. 'כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי מֵהֶם', זֶה בְּחִינַת הִסְתַּלְּקוּת הַצַּדִּיק, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם שֶׁזֶּה נֶאֱמַר לְעִנְיַן הִסְתַּלְּקוּת משֶׁה וְאַהֲרֹן. וְאָז דַּיְקָא 'מָצָאתִי אֶת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי', עַל יְדֵי תַּלְמִידָיו שֶׁהִמְשִׁיכוּ הַשְׁאָרָתוֹ בָּעוֹלָם, וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם שֶׁזֶּה נֶאֱמַר עַל יְהוֹשֻׁעַ שֶׁכָּבַשׁ שְׁלֹשִׁים וְאֶחָד מְלָכִים, (עַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה). **וְזֶהוּ, אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ** עַד שֶׁהֲבֵאתִיו אֶל בֵּית אִמִּי וְכוּ'. זֶה בְּחִינַת הַמִּשְׁכָּן וּבֵית הַמִּקְדָּשׁ, בְּחִינַת בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת (וּכְעֵין שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם)".

עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת לך לך[כה], ר' אבא מיט זיין זון ר' יעקב (זענען געווען אין א פלאץ), האט ר' אבא געוואלט (א תרנגול צו אויפשטיין) 'חצות ממש' – אזוי שטייט אין זוהר הקדוש - 'חצות ממש'! אונזערע לייט האבן געזאגט, 'חצות ממש'; ווי קען מען האבן חצות ממש? אז מען שטייט אויף פריער! אז נישט קען איך דאך נישט האבן קיין חצות ממש, נאר אז איך שטיי אויף פריער מיט עטליכע מינוט קען איך האבן חצות ממש.

אזוי איז אויך מיט דעם שבת – 'עס קומט שבת, שבת'! ר' אברהם ר' נחמן'ס איז תמיד געווען אין שול פריער, ער האט זיך א שעה מתבודד געווען – 'אה, עס דארף אנקומען דעם שבת, אזא טייערער גאסט דארף אנקומען!' אה, אזא גאסט - דער שבת, דאס איז דאך אלץ געוואנדן אין (די עבודה פון א גאנצע וואך![כו]).

רבי נתן רעדט אין א הלכה דארטן[כז], וועדליג מען היט אפ דער וואך, אזוי האט מען דעם שבת, און וועדליג מען איז מקדש דעם שבת, אזוי האט מען דער גאנצער

---

[כה] דף צ"ב ע"ב וזל"ש: "רַבִּי אַבָּא הֲוָה אָתֵי מִטִּבֶּרְיָה לְבֵי טְרוֹנְיָא דְּחָמוּי, וְרַבִּי יַעֲקֹב בְּרֵיהּ הֲוָה עִמֵּיהּ, אִעַרְעוּ בִּכְפַר טַרְשָׁא. כַּד בָּעוּ לְמִשְׁכַּב, אָמַר רַבִּי אַבָּא לְמָרֵיהּ דְּבֵיתָא אִית הָכָא תַּרְנְגוֹלָא? אָמַר לֵיהּ, מָארָא דְבֵיתָא, אַמַּאי? אָמַר לֵיהּ, בְּגִין דְּקָאִימְנָא בְּפַלְגוּת לֵילְיָא מַמָּשׁ. אָמַר לֵיהּ, לָא אִצְטְרִיךְ, דְּהָא סִימָנָא לִי בְּבֵיתָא דְּהָדֵין טִקְלָא דְּקַמֵּי עַרְסָאי מָלֵינָא לֵיהּ מַיָּא וְנָטִיף טִיף טִיף, בְּפַלְגוּת לֵילְיָא מַמָּשׁ אִתְרָקוּ כֻּלְּהוּ מַיָּא, וְאִתְגַּלְגַּל הָאי קִיטְפָּא וְנָהִים, וְאִשְׁתְּמַע קָלֵיהּ בְּכָל בֵּיתָא, וּכְדֵין הוּא פַּלְגוּת לֵילְיָא מַמָּשׁ, וְחַד סָבָא הֲוָה לִי דַּהֲוָה קָם בְּכָל פַּלְגוּת לֵילְיָא וְאִשְׁתַּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא, וּבְגִינֵי כָּךְ עָבַד הָאי, אָמַר רִבִּי אַבָּא בְּרִיךְ רַחֲמָנָא דְּשַׁדְּרַנִי הָכָא, בְּפַלְגוּת לֵילְיָא נָהִים הַהוּא גַּלְגָּלָא דְקִיטְפָּא, קָמוּ רִבִּי אַבָּא וְרִבִּי יַעֲקֹב" וכו' עיי"ש.

[כו] מובא בליקוטי הלכות בכמה מקומות, והרי לפניך מה שכתב בהל' תחומין ה"ה, אות כ"ג: "וְהַכְּלָל, כִּי **אַף עַל פִּי שֶׁבְּשַׁבָּת נִמְשַׁךְ אוֹר גָּדוֹל וְנִפְלָא מְאֹד מֵחֲמַת קְדֻשַּׁת הַיּוֹם בְּעַצְמוֹ בְּלִי אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא כְּלַל, אַף עַל פִּי כֵן אֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְקַבְּלוֹ בִּשְׁלֵמוּת רַק כָּל אֶחָד מְקַבֵּל מֵהָאוֹר כְּפִי מַה שֶּׁהֵכִין עַצְמוֹ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל**, וְאָז כְּפִי הַהֲכָנָה כְּפִי מַה שֶּׁקִּדֵּשׁ וְטִהֵר אֶת עַצְמוֹ בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל כֵּן זוֹכֶה לְתוֹסֶפֶת שַׁבָּת, דְּהַיְנוּ שֶׁיְּקַבֵּל מֵהָאוֹר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה הַנִּמְשָׁךְ בְּשַׁבָּת מִלְמַעְלָה בְּלִי אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא, **אֲבָל עַל כָּל פָּנִים כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כָּל מִי שֶׁנִּקְרָא שֵׁם יִשְׂרָאֵל עָלָיו, כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה חֵלֶק בִּקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל נִמְשָׁךְ עָלָיו הֶאָרָה מִקְדֻשַּׁת שַׁבָּת שֶׁעַל יְדֵי הַהֶאָרָה הַזֹּאת יֵשׁ לוֹ כֹּחַ בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא לִזְכֹּר בּוֹ' יִתְבָּרַךְ וְלָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ אִם יִרְצֶה** לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַהֶאָרָה הַהִיא".

[כז] עיין ליקוטי הלכות הלכות שבת ה"ד, אות ח', ובעוד מקומות.

וואך. עס איז איינס תלוי אין דעם אנדערן, מען ווייסט נישט ווי צו מאכן די התחלה, אז עס קומט אינמיטן דער וואך, דארף איך אפהיטן דער וואך - דערנאך וועל איך האבן א שבת, און אז עס קומט שבת, דארף איך היטן דעם שבת - וועל איך האבן א וואך, עס איז איין קייטעלע, איין שרשרת. די ערליכע אידן האבן טאקע געוואוסט אז דאס אידישקייט איז א קייטל[כח], איך טאר נישט אפלאזן, אז איך וועל אפלאזן, לאז איך דאך אפ דעם גאנצן קייטל, דארף מען דאס שוין דערנאך צוריק כאפן, צוריק כאפן. דער עיקר מיט וואס מען קען עס צוהאלטן איז נאר מיט ישוב הדעת, נאר מיט ישוב הדעת!

❖

## ווען קען מען ארויסכאפן דעם דיבור אמת?

דער רבי זאגט דארטן אין תורה קי"ב[כט]: "'והמשכיל המבין' וואס עס הייסט אמת - זאל בעטן ער זאל כאטש האבן איין דיבור אמת אין זיין לעבן!" ווארום דער דיבור אמת וועט מיטנעמען מיט זיך די אלע (דיבורים!)[ל]. ווען קען ער ארויסכאפן דעם דיבור אמת? אז ער איז אַן עַקשן![לא] ער רעדט צום אויבערשטן! אז ער רעדט

---

[כח] עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ד, אות כ': "וְהַכְּלָל שֶׁכָּל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת הֵם בִּבְחִינַת קוֹמַת אָדָם כַּיָּדוּעַ. וּכְמוֹ שֶׁבְּקוֹמַת אָדָם כָּל אֵבֶר תָּלוּי בַּחֲבֵרוֹ וְכָל קוֹמַת הָאָדָם הַכֹּל קָשׁוּר וּמְהֻדָּק אֶחָד בַּחֲבֵרוֹ בְּכַמָּה דְּרָכִים וּנְתִיבוֹת וּקְשָׁרִים עַל יְדֵי הַגִּידִים וְהָעוֹרְקִים וּמְרוּצַת הַדָּמִים וּתְנוּעוֹת הָאֲוִיר שֶׁהוּא הָרוּחַ הַחִיּוּנִי שֶׁצְּרִיכִין לְקַבֵּל בְּכָל פַּעַם לְכָל הָאֵבָרִים וְכוּ' וְכוּ', **כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הוּא בְּכָל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת וְכָל הַמִּדּוֹת טוֹבִים וְרָעִים שֶׁהַכֹּל קָשׁוּר וּמְהֻדָּק בַּחֲבֵרוֹ בְּכַמָּה וְכַמָּה דְּרָכִים וּנְתִיבוֹת בְּלִי שִׁעוּר**". וכעין זה מובא הרבה בספרי רביז"ל.

[כט] וזל"ש בא"ד: "**וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו, שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו, לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי ה' כָּרָאוּי**".

[ל] עיין ליקוטי מוהר"ן צ"ט: "**בְּעֵת שֶׁיִּתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת כָּרָאוּי, אֲזַי יַעֲלֶה כָּל הַתְּפִלּוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַהִיא שֶׁהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי**".

[לא] עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' וירא תר"א: "וּבְשַׁבַּת הֶעָבַר דִּבַּרְנוּ בְּהַתּוֹרָה צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה תְּהִלָּה לָאֵל ... נָא מְאֹד בְּנִי הִזָּהֵר וְהִזָּהֵר לְקַיֵּם כָּל הַנַּ"ל בְּאֹפֶן שֶׁתּוּכַל לַחֲטֹף מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה. כִּי הָעֵצָה הַנַּ"ל בָּדוּק וּמְנֻסֶּה אֲלָפִים אֲלָפִים פְּעָמִים. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הַבַּעַל דָּבָר מִתְגַּבֵּר מְאֹד מְאֹד בְּכָל פַּעַם בְּחֹשֶׁךְ עָצוּם בְּכָל תְּפִלָּה. וּמִסִּבַּב מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּמַחֲשָׁבוֹת מְבֻלְבָּלוֹת הַרְבֵּה בְּלִי שִׁעוּר. **וּצְרִיכִין לִזְכֹּר**

צום אויבערשטן האט דער אויבערשטער אויף אים רחמנות און עס כאפט זיך ארויס א דיבור אמת! עס כאפט זיך ארויס!

מען פלעגט זאגן טאקע, דער רבי זאגט אין תורה "ט' תיקונים"[לב]: "עס ווערט 'נכמרו רחמיו' און מען איז אויף אים ממשיך דיבורים חמים כגחלי אש". פלעגן אונזערע לייט זאגן, דער מענטש דארף דאך האבן דיבורים חמים, מיין רפואה איז דיבורים חמים; אז איך האב נישט, זאל איך רעדן און רעדן, ווערט אויבן 'נכמרו רחמיו' און מען שענקט אים 'דיבורים חמים'. מען ווייסט דאך אז ער דארף האבן דיבורים חמים און ער האט זיי נישט, אבער אז ער רעדט, ער הערט נישט אויף צו רעדן, ווערט 'נכמרו רחמיו' און מען איז ממשיך אויף אים 'דיבורים חמים'.

ביי יעדע זאך פונעם רבי'ן איז אזוי, יעדע עצה פונעם רבי'ן גייט אריין ווייטער און ווייטער, אז דער מענטש איז משתוקק דערצו און בעט דעם אויבערשטן, האט מען אויף אים רחמנות און מען שענקט אים, מען שענקט אים א מתנה.

טאקע אזוי ווי דער רבי רעדט דארטן אין דער מעשה פון די קינדערלעך ביי דער חתונה[לג], אז זיי האבן געבענקט איז געקומען דער בעטלער און ער האט זיי געשענקט מתנות - "איר זאלט זיין אזוי ווי איך!" 'איר זאלט האבן אזעלכע אויגן ווי איך האב' 'אזא מויל ווי איך האב' 'אויערן ווי איך האב' - אזעלכע מתנות שענקט ער באלד?

---

בְּכָל תְּפִלָּה כַּמָּה פְּעָמִים עֵצָה הַנַּ"ל לִפְנוֹת עֹרֶף מֵחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּלִים. **וּלְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת כְּפִי מַה שֶּׁהוּא, וְאָז יָאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַפְּתָחִים** וְכוּ' עַד שֶׁיְּקַיֵּם כָּל הָעוֹלָמוֹת בִּתְפִלָּתוֹ! **רְאֵה בְּנִי, וַחֲכַם, הַחִלּוּק בְּרֶגַע אַחַת אֵצֶל הָאָדָם**, כִּי קֹדֶם סִבֵּב אוֹתוֹ הַחשֶׁךְ כָּל כָּךְ וּבְרֶגַע קַלָּה שֶׁהִמְשִׁיךְ עַצְמוֹ לְדַבֵּר דִּבּוּר אֱמֶת זָכָה לְקַיֵּם כָּל הָעוֹלָמוֹת. כִּי זֶה כָּל הָאָדָם שֶׁתְּלוּיִים בּוֹ כָּל הָעוֹלָמוֹת בְּכָל רֶגַע. **אַךְ גֹּדֶל הַהִתְגָּרוּת שֶׁמִּתְגָּרִין בּוֹ הוּא בְּלִי שִׁעוּר**".

[לב] ליקוטי מוהר"ן סי' כ' אות ב' וזל"ש: "**וּמִי שֶׁרוֹצֶה לְהַמְשִׁיךְ בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה, צָרִיךְ מִתְּחִלָּה לְהַמְשִׁיךְ לְעַצְמוֹ דִּבּוּרִים חַמִּים כְּגַחֲלֵי אֵשׁ** כַּנַּ"ל. וְהַדִּבּוּר נִמְשָׁךְ מִלֵּב הָעֶלְיוֹן, בְּחִינַת (תְּהִלִּים ע"ג) "צוּר לְבָבִי". **וְצָרִיךְ לִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ בִּתְפִלָּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְעַל יְדֵי תְּפִלָּתוֹ נִכְמְרוּ רַחֲמֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָלָיו**, וְנִפְתָּח לֵב הָעֶלְיוֹן, כִּי עִקַּר הָרַחֲמִים הוּא בַּלֵּב, וְנִשְׁפָּע מִלֵּב הָעֶלְיוֹן דִּבּוּרִים, וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר מַמְשִׁיךְ בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה גַּם כֵּן מִשָּׁם".

[לג] מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות.

נאר אז זיי האבן געבענקט, זיי האבן משתוקק געווען, אזא הייליגע חתן כלה, נאך א חתונה זאלן זיי בענקען 'ווי נעמט מען אהער אים - ווען ער זאל דא זיין וואלטן מיר זייער פרייליך געווען!' - נו, אז מען בענקט, קומט ער טאקע! מען קומט נישט אזוי סתם שענקען מתנות.

❖

## פארוואס איז נישט חשוב עפעס אנדערש?

רבי אברהם ר' נחמן'ס - אויף אים האט מען געקענט זאגן, ממש יעדער אדער זיינער איז געלעגן פול מיטן רבי'ן! ער איז אזוי געלעגן אינעם רבי'נס זאך! דער רבי האט דאך געזאגט[לד]: "מיין ספר וועט טרענען די אדערן!" יעדער אדער, יעדער גיד, יעדעס איבר איז געווען אויסגעקנאָטן נאר מיטן רבי'נס זאך!

ער פלעגט גיין מיט א תורה; מיט די תורה 'כי מרחמם ינהגם' איז ער געגאנגען א האלב יאר! זיין דאווענען און זיין לערנען, זיין עסן, זיין שלאפן - נאר געטראכט פון דער תורה; ליגט דאך אין אים דער תורה, ליגט דאך די תורה אין אים! כאטש ער איז געווען א געוואלדיגער שפל ברך, האט ער אמאל א זאג געגעבן: "ברוך השם, איך בין איבערגעגאנגען דעם ליקוטי מוהר"ן!" - אט דאס הייסט איבערגעגאנגען דעם ליקוטי מוהר"ן, מיט יעדער תורה געגאנגען א זמן. איז דאך ממש דער ליקוטי מוהר"ן געלעגן אין אים, ער איז געלעגן אין אים!

מיר רעדן דא א גרויסע זאך – פון ר' אברהם ר' נחמן'ס. נאר וואס דען, מיר מעגן זיך סומך זיין. אין א הלכה זאגט רבי נתן[לה], אז איינער וועט אים קומען זאגן, 'זעה,

---

[לד] חיי מוהר"ן שמ"ט: "פַּעַם אַחַת הָיָה מְשַׁבֵּחַ אֶת הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ מְאֹד, וְאָמַר שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ. וְהָיָה חָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד שֶׁיַּדְפִּיסוּ סְפָרוֹ עוֹד כַּמָּה פְּעָמִים וְיִתְפַּשְּׁטוּ בָּעוֹלָם. וְאָמַר שֶׁיִּהְיוּ בְּנֵי אָדָם שֶׁיִּלְמְדוּ וְיִתְפַּלְּלוּ עַל יְדֵי הַסֵּפֶר הַזֶּה. וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ. [וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, **סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען**]". עיין גם בההקדמה על ליקוטי מוהר"ן.

[לה] ליקוטי הלכות הל' גילוח ה"ד, אות ג', עיי"ש באריכות.

גרייט צו ווייץ (לסחורה) ווייל דארטן אין מאסקאווע איז די ווייץ זייער חשוב - און ער איז אַן איש נאמן, ער ווייסט אז ער קען זיך אויף אים פארלאזן, וועט ער דען זאגן 'פארוואס עפעס איז ווייץ חשוב? פארוואס איז נישט חשוב קיין אנדערע זאך?!' אויב דו ווייסט אז ער איז אַן איש נאמן און ער זאגט דיר אז דארטן איז ווייץ חשוב - גרייט צו ווייץ. 'ניין, איך וועל נישט צוגרייטן ביז איך וועל געוואויר ווערן פארוואס איז דארטן ווייץ חשוב...' - דאס איז דאך אזא נארישקייט. אויב דו גלויבסט אים אז ער איז אַן איש נאמן און ער זאגט דיר אז דאס איז חשוב, דארפסטו אים גלויבן, דו דארפסט גארנישט קלערן פארוואס.

רבי נתן רעדט דארטן, משה רבינו ער איז דער איש נאמן, ער זאגט אונז וואס דארט איז חשוב; דארפן מיר דען חוקר זיין פארוואס איז דאס חשוב? ער איז דאך אַן איש נאמן און ער זאגט אונז אז דאס איז חשוב!

(אזוי אויך) ביי דעם רבי'נס זאך: אז דער רבי זאגט - 'די' עצה איז זייער חשוב, 'די' עצה איז זייער חשוב, 'התבודדות' איז זייער חשוב, 'חצות' איז זייער חשוב, 'דאס' איז זייער חשוב - און דו ווייסט אז ער איז אַן איש נאמן, דארף מען אים גלויבן. פארוואס זאל איך וועלן חוקר זיין 'פארוואס איז דאס חשוב? פארוואס איז אזוי?' וועל איך דען קענען מיטן שכל פארשטיין פארוואס איז די מצוה חשוב? מען מוז דאך האבן אמונה! נאר וואס דען, וויבאלד דער מענטש זאגט אז ער איז אַן איש נאמן - און איך וויים אז ער איז אַן איש נאמן, דארף איך דאך אים גלויבן!

אויב איך וויל מיטן שכל אויספארשן פארוואס איז דאס חשוב, וועל איך קיינמאל נישט קענען, אט דאס איז דאך אַן ענין פון חקירות פון די מחקרים - פון די ערליכע מחקרים: 'פארוואס?! פארוואס?!'. (אבל האמת), וואס הייסט 'פארוואס'? איך קען דען אויס'חקר'ן פארוואס די מצוה איז אזוי חשוב?! משה רבינו האט געזאגט! דאס איז תורה מפי הגבורה! דאס איז חשוב! וואספארא חקירות (איז שייך)?! דאס איז דאך א געוואלדיגער פגם!

## דו דארפסט אויך אנקומען צו דעם פשט?

די גמרא זאגט דארטן[לו] אז ר' יוחנן האט געזאגט: "וְשַׂמְתִּי כַּדְכֹד שִׁמְשֹׁתַיִךְ"[לז] - עס וועט זיין א דימאנט פון ל' אויף [ל' אמה] וואס וועט שטיין ביי די טויערן פון ירושלים און לייכטן. א דימאנט - ממש אזוי גרויס ווי א שטוב. וואו איז דא היינט אזעלכע דימאנטן? אבער אזוי וועט זיין. איז געווען א תלמיד, האט ער געטראכט 'וואס עפעס', דער רבי האט דען פונקט אויסגעמאסטן [ל' אויף ל'] - ווי קען דאס זיין?! זאגט די גמרא, ער איז איינמאל געפארן דארטן אויפן ים, האט ער געזעהן מלאכים ווי זיי קריצן דארטן א שטיין פון ל'. (שאל אותם:) 'וואס איז דאס?' האט מען אים געענטפערט – 'דאס איז דער שטיין, דער כדכד', אזוי ווי ר' יוחנן האט געזאגט.

אז ער איז געקומען צום רבי'ן, זאגט ער, "רבי, 'לך נאה לדרוש' - אזוי ווי דו האסט גע'דרשנ'ט אזוי האב איך געזעהן". (אמר לו ר' יוחנן:) 'נו, און איידער דו האסט געזעהן האסטו געלאכט פון מיר?!' - 'נתן עיניו בו ונעשה גל של עצמות'! - אזוי שטייט אין גמרא. ר' יוחנן האט פארשטאנען אז איצטער איז אים געווארן רעכט ווייל ער האט שוין געזעהן, אבער איידער ער האט געזעהן האט ער נישט פארשטאנען 'פארוואס'. קומט דאך אויס, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט די אמת'ע אמונה, איז דאך יעדער דיבור, יעדער דיבור (אמת ויציב ונכון וכו' וכו').

❖

די מחקרים האבן איינמאל גערעדט דארטן (מיט רבי נתן'ען) איבער דעם מאמר חז"ל[לח]: "קשה רימה למת כמחט בבשר החי" - דאס איז דאכט זיך א מימרא פון ר' יצחק. די מחקרים האבן דאס נישט פארשטאנען, און רבי נתן האט זיי מסביר געווען

---

[לו] בבא בתרא עה.

[לז] ישעיה נד, יב.

[לח] ברכות יח:

אז (עס בלייבט איבער) א 'קיסטא דחיותא'[לט] (וכו'). איז געזעצן איינער פון רבי נתן'ס מענטשן, איז אים אויך געווארן רעכט. נאכדעם ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען האט ער דאס איבערגע'חזר'ט צו רבי נתן'ען, ער האט אזוי הנאה געהאט פון דעם פשט פון רבי נתן'ען. האט רבי נתן פארשטאנען אז אים איז אויך געווארן רעכט, זאגט ער אים: "**דו, דארפסט אויך אנקומען צו דעם פשט? אז די גמרא זאגט אזוי – זאגט גאט אזוי!!!**"

ער האט געגעבן א געשריי: "**א מימרא – זאגט גאט אזוי!!!**"

זיי האב איך געגעבן דעם ביאור, אבער דו דארפסט אנקומען צו דעם ביאור וואס איך האב זיי געגעבן?! רבי נתן האט מקפיד געווען, ער האט פארשטאנען אז דער מאמר חז"ל איז נישט געווען ביי אים אזוי רעכט פריער[מ].

אט דאס האט דער רבי געזאגט טאקע[מא]: '**ביי דער וועלט איז אמונה**' (א דבר קטן וכו'); **ביי מיר איז אמונה - א מאמר חז"ל - דאס איז אזוי!**

---

[לט] עיין זוהר לך פ"ג ע"א.

[מ] מובא בכוכבי אור ערך 'אנשי מוהר"ן' אות כ' בזה"ל: "פַּעַם אַחַת דִּבֵּר עִם אֵיזֶה אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ נוֹטִים לְדַרְכֵי הַחֲקִירָה, וְהִתְוַכְּחוּ עִמּוֹ אוֹדוֹת מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זַ"ל (בְּרָכוֹת יח:) "קָשָׁה רִמָּה לַמֵּת כְּמַחַט בְּבָשָׂר הֶחָי" כַּיָּדוּעַ שְׁאֵלָתָם בָּזֶה וְהֵשִׁיב לָהֶם מַה שֶּׁמּוּבָא בְּסִפְרֵי אֱמֶת שֶׁלְּאַחַר מוֹת הָאָדָם אַף עַל פִּי שֶׁהַנְּשָׁמָה יוֹצֵאת מִמֶּנּוּ וְאֵינוֹ יָכוֹל לָזוּז בְּשׁוּם אֵבֶר, אַף עַל פִּי כֵן נִשְׁאָר בּוֹ קִיסְטָא דְּחִיּוּתָא, וּבְזֶה הַחִיּוּת הַנִּשְׁאָר בּוֹ נִרְגָּשׁ גַּם אַחַר כָּךְ צַעַר הָרִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְעוֹד בְּדִבּוּרִים כָּאֵלֶּה הִסְבִּיר לָהֶם עַד שֶׁהִשְׁתִּיקָם. וְאַחַר שֶׁיָּצָא מֵהֶם הָלַךְ עִמּוֹ אֶחָד מֵאֲנָשָׁיו וְהִתְחִיל זֶה הָאִישׁ לַחֲזֹר לְפָנָיו כָּל דִּבְרֵי תְּשׁוּבָתוֹ שֶׁהֵשִׁיב לָהֶם, וְרָמַז לָהֶם שֶׁהוּא נֶהֱנָה מְאֹד מַה שֶּׁסִּלֵּק גַּם לוֹ מִלִּבּוֹ הַמְּבוּכָה הַנַּ"ל עָנָה וְאָמַר לוֹ מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל בִּלְשׁוֹן תְּמֵהָ, גַּם אַתָּה רוֹצֶה לְהָבִין בְּשִׂכְלְךָ! אוֹי לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה, הֲלֹא כְּשֶׁרַבּוֹתֵינוּ זַ"ל אָמְרוּ "קָשָׁה רִמָּה לַמֵּת כְּמַחַט בְּבָשָׂר הֶחָי", **אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהוּא אֱמֶת וְיַצִּיב וְנָכוֹן וְקַיָּם וְאֵינִי רוֹצֶה כְּלָל לְהָבִין**".

[מא] שיחות מוהר"ן ל"ג: "שׁוּב פַּעַם אַחַת הָיָה מְדַבֵּר מֵאֱמוּנָה, עָנָה וְאָמַר: **אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד**. וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל. רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים".

## "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"

אז דו ווילסט טאקע די אמונה זאל זיין ביי דיר - אמונה, זאגט דער רבי טאקע אין תורה ל"א (אות ג'), דער קיום אמונה איז דורך שמירת הברית, (כמו שכתוב:) "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ" - דורך ברית האט ער אמונה! דער רבי רעדט ווייטער, ער זאגט דאך אלץ 'פארוואס'.

א דיבור פון חז"ל איז א דיבור ה', דאס איז דיבורי ה'! מען קען דען אויסמאלן ווער חז"ל זענען געווען? שכינה מדברת מתוך גרונם! עס איז דאך דיבורי ה'! איך האב געזעהן שטיין, דער בעל שם הקדוש האט געזאגט: "דער אר"י הקדוש האט אויפגעדעקט דעם זוהר, און משיח וועט אויפדעקן דעם מדרש!' - אזוי האט דער בעל שם געזאגט. משיח וועט אויפדעקן דער מדרש - עס איז נישט קיין קלייניקייט[מב].

ר' נחמן טולטשינער פלעגט אויך זייער אסאך רעדן פון מדרש. ווען ער האט גערעדט האט ער גערעדט פון מדרש. אויך אין די מכתבים (פון רבי נתן) איז דא אסאך - 'דער' מדרש, 'דער' מדרש (וכו'). רבי נתן ברענגט (אין א בריוו[מג]) א מדרש, זאגט ער, 'ברוך השם וואס מיר דערפילן דעם מדרש'. ווען ער (ר' נחמן) האט גערעדט האט ער אלץ גערעדט פון מדרש. פון וועמען רעדן מיר? שכינה מדברת מתוך גרונם! דברי אלקים חיים! דאס איז דאך נאר (אז מיר דארפן האבן) אמונה! א דיבור פון א צדיק, א דיבור פונעם רבי'ן דארף זיין - דאס איז דברי אלקים חיים! אוודאי דארף

---

[מב] עיין טהרת הקודש במבוא השער פרק ז': "וכבר אמרו הצדיקים הקדושים אשר סודות האגדות והמדרשות לא יתבארו רק בביאת משיח צדקנו, כי המה עמוקים מני ים".

[מג] עלים לתרופה מכתב מיום ה' צו תקצ"ט: "תְּהִלָּה לָאֵל הֵבַנְתִּי מִמִּדְרָשׁ זֶה הִתְחַזְּקוּת וְהִתְעוֹרְרוּת עָצוּם לָזֶה". גם עיי"ש במכתב מיום ד' ראש חודש תמוז תקצ"ט: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁבְּחֶמְלָתוֹ הַגְּדוֹלָה ה' אֱלֹקִים נָתַן לִי לְשׁוֹן לִמּוּדִים לָדַעַת לְבָאֵר כָּךְ מִדְרָשׁ כָּזֶה לְעֵצָה וּלְעֻבְדָּא לְכָל אָדָם. וְהַכֹּל עַל יְדֵי מַה שֶּׁזָּכִיתִי לִשְׁאֹב וְלִינֹק מְעַט דְּבַשׁ וְכוּ' מִצּוּף אִמְרֵי נֹעַם קְדֻשַּׁת תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה. וְהַכֹּל רַק בְּכֹחוֹ הַגָּדוֹל. מָה אֹמַר לְךָ בְּנִי חֲבִיבִי וְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ נוֹרָאוֹת נִפְלֵאתִי וְכוּ'. חַסְדּוֹ גָּבַר עָלֵינוּ וֶאֱמֶת ה' לְעוֹלָם".

מען זיין אַן ערליכער איד, דורך שמירת הברית האט מען דאך די אמונה, אבער על כל פנים (העיקר היא האמונה!).

טאקע דער ר' ישראל כהן ע"ה האט דאך גוט געוואוסט ווער ר' אברהם ר' נחמן'ס איז. ווען ר' אברהם ר' נחמן'ס איז נפטר געווארן, האט ער געזאגט דעמאלט אזוי מיט דעם לשון: **"אזא שומר הברית ווי ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען איז נישטא, לאמיר זיך כאטש איינשרייען די קיילע אזוי ווי ר' געצע האט זיך איינגעשריגן אויף שמירת הברית!"** - לאמיר כאטש דאס טוהן!

איר הערט וואס ער האט געזאגט? 'אזא שומר הברית ווי ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען האבן מיר נישט היינט, נאר זאל מען זיך כאטש איינשרייען די קיילע אזוי ווי ר' געצע האט זיך איינגעשריגן אויף שמירת הברית!' - ר' געצע האט זייער אסאך געשריגן! - לאמיר כאטש דאס טוהן.

❖

## געדארפט אים דערמונטערן

ר' געצע איז נפטר געווארן שביעי של פסח דעם זעלבן יאר (מיט ראבר"ן). ר' אברהם איז נפטר געווארן ערב ראש חודש טבת, און ר' געצע איז געווען ביי ר' אברהם'ען אים מבקר חולה זיין. ר' אברהם האט שוין דעמאלט געזעהן ביי וואס ער האלט. האט אים ר' געצע געגעבן דער האנט, און ר' אברהם האט דאס נישט אפגעלאזט, ער האט אים לאנג צוגעהאלטן דער האנט. האט ר' געצע געזאגט: "ווער ווייסט, ר' אברהם האט מיר נישט אפגעלאזט די האנט..." און ער איז באלד געווארן שלאַף און ער איז נפטר געווארן שביעי של פסח.

ר' געצע איז אלט געווען דריי-און-פערציג יאר ווען ער איז נפטר געווארן, ער איז געווען א חולה, זיין עבודה איז געווען געוואלדיג, זיין עבודה איז געווען געוואלדיג, זיין עבודת השם, אוועקגעלייגט קולות צום אויבערשטן, אה, און א קראנקער מענטש געווען.

זי, די ווייב זיינע - אסתר[מד], האט געזאגט, איינמאל איז ער אהיימגעקומען (פון שול) און געזאגט דעם שלום עליכם מיט אזא מין התלהבות - אז ער איז געבליבן חלשות, מען האט אים געדארפט דערמונטערן... ממש, מסירות נפש'דיגע אידן, כלות הנפש, כלות הנפש! א געוואלד, געוואלד!

ער איז דאך געווען א גרויסער ארעמאן, ער האט קיינמאל נישט געהאט אויף שבת. וואס האבן מיר געטוהן? [מיר האבן אזוי געזאגט (צווישן זיך), מיר וועלן עסן דארטן שבת, וועט ער אויך עסן דארט מיט אונז]. מיר האבן אים געזאגט: 'הערט זיך איין, מיר וועלן עסן ביי דיר אויף שבת - מיר וועלן דיר געבן, וועסטו אויך האבן וואס צו עסן!' - א גאנצער ווינטער האבן מיר געגעסן דארטן שבת ביי ר' געצען. (ר' מאיר: ווער, די בחורים?) יא די בחורים. יענער שבת איז דאס געווען! די זמירות - אה! א געשעפט! אזא ארעמאן געווען, אזא אביון מדוכא, און אזא עובד ה'!

❖

## דִּיפֶּעט אוֹיף מַיין כֹּחַ!

איי טאטע, דער רבי רעדט אזוי פון חברים, דאס דארף מען זיך גוט איינ'חזר'ן, אנדולן דעם גוף, דו זאלסט וויסן 'עס איז א גרויסער רבי – א בעל כח גדול'! דער רבי האט דאך געזאגט[מה]: "דיפעט אויף מיין כח!". וואס הייסט "דיפעט אויף מיין כח"? אז מען גייט אריין אין א מלחמה און די זעלנער ווייסן אז דער שר צבא איז א גרויסער מאן, ער ווייסט ווי אזוי צו פירן, גייען זיי מיט אַן אנדער שטארקייט, זיי ווייסן אז דער שר צבא איז א מענטש, ער ווייסט וואס צו טוהן, ער נעמט נישט סתם מענטשן מפקיר זיין זיי זאלן גע'הרג'עט ווערן, ער ווייסט - גייען זיי אנדערש. אט

---

[מד] היתה בת ר' נחמן ב"ר אפרים בן מרת שרה בת רביז"ל.

[מה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' שלח תר"ג: "וְעַל כֻּלָּם כֹּחוֹ הַגָּדוֹל שֶׁאֵינוֹ נִפְסָק לְעוֹלָם שֶׁאָמַר בְּפֵרוּשׁ לְהִשָּׁעֵן עַל כֹּחוֹ, **דּוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ**. לוּלֵא כָּל זֹאת כְּבָר אָבַדְנוּ בְּעָנְיֵנוּ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי וְכוּ'. וּכְתִיב זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי". גם עיין שם במכתב מיום א' וירא תקצ"ג; ובמכתב מיום א' קרח תר"ג, ובעוד כמה מקומות.

דאס הייסט "דיפעט אויף מיין כח" - פארלאזט זיך אויף מיין כח! טוהט, איר אליין קענט גארנישט, אבער טוהט, דאוונט, לערנט -

מיר האבן שוין כמה מאל גערעדט, דער צדיק איז דער 'יסוד העולם'; נישט נאר בימיו איז ער 'יוסף הצדיק' - ער האט דאך געראטעוועט אידן פון קריעת ים סוף. דער צדיק לייגט דעם יסוד נישט נאר אויף בשעת ער לעבט 'בימיו', נאר ער לייגט א יסוד אויף אלע יארן. אבער אז איינער לייגט א יסוד, (מיינט דאס בדרך כלל), אבער בויען בויעט איר. 'איך מאך דעם יסוד - און איר בויעט'. דער רבי האט דאך אבער אנדערש געזאגט[מו]: "איר גיט מיר ציגל - איך וועל בויען!". האבן מיר דאךביידע זאכן פונעם רבי'ן, אי ער מאכט דעם 'יסוד', און אי ער 'בויעט' אויך; נאר וואס דען, 'גיט מיר נאר וואפנע מיט ציגל!'

(אין אנדערע ווערטער:) נישט איר קענט לייגן א יסוד, נישט איר קענט בויען - נאר דאס וויל איך פון אייך: 'גיט מיר וואפנע מיט ציגל, איך וועל שוין בויען אויך!' - טוהט ער דאך אלצדינג. וואס איז וואפנע מיט ציגל? תורה ותפילה, מעשים טובים. טוהט, שלאפט נישט.

אזא מין גוטער בוי מייסטער! ער זאגט זיי נאך, 'איך בוי, גיט מיר נאר וואס צו בויען, גיט מיר וואפנע מיט ציגל, איך וויל דאך בויען!'. וואס מען גיט אים מער, בויעט ער מער, וואס אזוי האט יעדער איינער א חלק אין די בנינים דקדושה וואס ער בויעט.

❖

[מו] חיי מוהר"ן רצ"ג: "שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר לַאֲנָשָׁיו מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים (כְּלוֹמַר שֶׁאָנוּ צְרִיכִין רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' בִּפְשִׁיטוּת בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְווֹת וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה) **אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְּנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶּועע דֶערְפוּן בִּנְיָנִים** (וּמָשַׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת בִּנְיָנִים כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה)".

# באהארצן דעם הארץ

רבי נתן האט געזאגט טאקע אזוי[מז]: "איר זענט שלימזל'ניקעס!". וואס הייסט א שלימזל'ניק? 'שלימזל'ניק' הייסט 'אַן נאכגעלאזטער'. אפילו ער איז א רייכער מענטש איז ער נאכגעלאזט, ער גייט נישט אזוי שיין אנגעטוהן, אין שטוב פירט ער זיך נישט אזוי ברייט נאר ארעם, פארשלאסן די געלט.

ביי אונז איז דאך ממש אזוי, איר האט אזעלכע אוצרות, פארוואס לעבט איר אזוי ארעם? די נעכט מיט די טעג, איך קען דאך לעבן, איך קען דאך נעמען א נאכט עס זאל זיין שיינענדיג, א נאכט זאל זיין א ליכטיגקייט, א טאג זאל זיין א ליכטיגקייט, א שבת, א יו"ט, איר האט דאך מיט וואס.

**"איר האט א הארץ, נאר איר באהארצט עס נישט!"**[מח,מט].

---

[מז] עיין במכתב הסתלקותו: "וְכָךְ אָמַר: צְרִיכִים אַתֶּם לְהַחֲזִיק אֶתְכֶם בְּיַחַד בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה, וְאַתֶּם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, **אֶלָּא שֶׁאַתֶּם שֶׁלִּימִיזַלְנִיקֶיס**".

[מח] עיין כוכבי אור ערך 'אנשי מוהר"ן' אות ל': "דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מִתַּבְעֶרֶת הַלֵּב שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁהוּא הָיָה הָרִאשׁוֹן שֶׁזָּכָה לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ וּלְפַרְסֵם שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה בָּעוֹלָם וּבְתוֹךְ שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה עָנָה אֶחָד לְפָנָיו בִּלְשׁוֹן צַעַר וּגְנִיחָה, הַהֵיאַךְ לוֹקְחִין לֵב כָּזֶה?, גָּעַר בּוֹ מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל וְאָמַר אֵלָיו, גַּם אַתָּה יֵשׁ לְךָ לֵב כָּזֶה אֶלָּא שֶׁאֵין אַתָּה מְלַבֵּב אוֹתָהּ [**דוּ הָאסְט אוֹיךְ דָאס הַארְץ נוֹר דוּ בַּאהַארְצְט עֶס נִיט**], כִּי הַבְּחִירָה חָפְשִׁית אֵצֶל כָּל אָדָם וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים יֵשׁ בְּכֹחוֹ לִזְכּוֹת לַמַּדְרֵגָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק כ"ה) שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לוֹמַר 'מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אֲבוֹתַי'".

[מט] עיין בעלים לתרופה מכתב מר"נ מטולטשין מיום ד' בשלח תרל"ב מש"ש בזה"ל: "אָחִי יְדִידִי אֲדַבֵּר עִם מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ עַל טַיְיטְשׁ: חֲזַק וַחֲזַק מַיין בְּרוּדֶער אַרַיין טָהאן זִיךְ גּוּט טִיף בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּהַתּוֹרוֹת וּבְהַמַּעֲשִׂיּוֹת, וְהַדְּרוּשִׁים שֶׁל תַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וּבְהַתְּפִלּוֹת הַנַּ"ל, וְהָרֵם קוֹלְךָ בִּנְעִימָה בִּתְהִלִּים וְשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וּזְעָקוֹת וְכוּ' אֲשֶׁר בְּהַתְּפִלּוֹת **וְאָז וֶועסְטוּ לֶעבִּין אַ לֶעבִּין**, כִּי זוּלַת זֹאת אֵין שׁוּם חַיּוּת כְּלָל, וְהַבֵּט וּרְאֵה בְּעֵין שִׂכְלוֹ וּבִינָתוֹ אֲשֶׁר חֲנָנְךָ ה' וְתִרְאֶה הֵיטֵב אֲמִתַּת הַדְּבָרִים הָאֵלּוּ. כֵּן יְהִי ה' בְּעֶזְרְךָ שֶׁתִּזְכֶּה **צוּ בַּאהַארְצֶען זִיךְ** בָּאֵשׁ הַקָּדוֹשׁ **אֲשֶׁר מֻשְׁרָשׁ בְּכָל לֵב אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי** וּלְהַכְנִיס אֵשׁ הַקְּדוֹשָׁה הַזֹּאת בְּכָל הַנַּ"ל אָז טוֹב לוֹ".

דער רבי זאגט[נ]: "לוּשְׁמִיר דֶער נָאגֶל פוּן דֶעם פוּס פוּן דֶעם הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט אִיז הַארְצִיגֶער אֵיידֶער אַן אַנְדֶערְנְס הַארְץ!"[נא]

איר זענט דאך קיינמאל נישט געווען אין ברסלב. למשל, רבי נתן'ס קלויז איז געווען דא, און דעם רבי'נס בית המדרש וואס איז געווארן שפעטער דער שטאטישער בית מדרש, איז געווען אביסל ווייטער, אבער נישט ווייט. רבי נתן איז ארויסגעגאנגען יום כיפור אויף דער נאכט פון זיין קלויז צו גיין צו אים אין שטוב, האט ער געהערט א קול פון בית מדרש, א קול וואס האלט ביים סוף תהלים, מיט א התלהבות, מיט א ברען. האט ער א פרעג געגעבן: "ווער איז דאס?" האט מען אים געזאגט: "דאס איז 'ר' יצחק אייזיק יוסל'"[נב] - ער זאגט שוין דאס אנדערע מאל תהלים!" - מיט אזא מין ברען געזאגט דאס אנדערע מאל תהלים...

האט רבי נתן א זאג געגעבן: "נו, דאס הארץ קערט צו דעם קוואל!" ער האט געהייסן מען זאל זעהן אים מקרב זיין, האט מען אים מקרב געווען. פורים איז ער שוין געווען ביי רבי נתן'ען ביי דער סעודה און ער האט שוין געשריגן צו רבי נתן'ען, ער איז געווען אביסל מבוסם'דיג: "דער רבי איז 'אמת ויציב ונכון וקים'! דער רבי, דער רבי!" - אזוי האט ער שוין געשריגן.

עֶר איז נפטר געווארן בחיי רבי נתן. ביי אונז האט מען דאך נישט געמאכט קיין הספדים, אבער בשעת דער נפטר איז (אדורך) איז רבי נתן ארויסגעגאנגען און האט

---

[נ] בספה"ק סיפורי מעשיות מעשה י"ג – אצל יום השלישי.

[נא] עיין טעם זקנים פ"א: **"עס איז אויך געווען פראסטע מענטשן** (מאנ"ש), **ממש נישט קיין בני תורה, און אזעלכע הערצער געהאט צום אויבערשטן, אזעלכע הערצער - אהה! איי - א געוואלד! א געוואלד! "דער נאגל פון דעם פוּס פון דעם הארץ פון דער וועלט איז הארציגער' פון אַן אנדערן'ס הארץ!"**.

[נב] "אביו של ר' פנחס יהושע ז"ל מטשעהרין, מהמקורבים הראשונים אשר למוהרנ"ת" - כוכבי אור שיחות וסיפורים נ"ז. גם עיין שם: "אָמַר הַמַּעְתִּיק: (הֶעְתֵּק מִכְּתַב־יָד מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל) בְּיוֹם ג' תְּצַוֶּה, י"א אֲדָר תקפ"ח לפ"ק, נִפְטַר ר' יִצְחָק אַיְיזִיק יוֹסֵף סוֹפֵר זַצַ"ל" – דוק ותמצא שעליו לבד מכתיר מוהרנ"ת בתואר **"זצ"ל"**.

**זיך אנגערופן: ״אט דאס איז געווען אַן אמת'ער נוטר הברית!״ - ער האט אנגעוויזן אין דער מיטה. זעהט מען דאך, וואספארא כלי ער איז געווען[נג].**

**ער איז געווען א סופר. איך האב געהערט, ווען מען איז דורכגעגאנגען דורכן פענסטער ווען ער האט מקדש געווען דעם שם איז געווען אַן אימה ופחד צו הערן ווי אזוי ער איז מקדש דעם שם!**

**ר' נתן בייטלמאכער** (נכדו, בנו של ר' פנחס יהושע) **האט געהאט זיינע פרשיות. ווען ער איז ארויס פון אלט-שטאט** (בעת כיבוש הערביים) **זענען זיי דארטן פארבליבן.**

**איז אַן אימה ופחד דא ווען ער איז מקדש א שם!**

**האט רבי נתן אויף אים געזאגט: 'דאס הארץ קערט צו דעם קוואל!' מסתמא איז ער געווען א קדוש פריער אויך אז ער האט געהאט אזא מין הארץ אזוי צו זאגן תהלים. אזא מין מענטש אז ער פארקלעפט זיך צום רבי'נס זאך – אה, לעבט עס, 'מצא מין את מינו'. זעהט מען דאך, דעם רבי'נס זאך אז עס קומט אויף דעם הארץ - אה, א חיות.**

**מיר דארפן נישט אראפפאלן ביי זיך, דער רבי האט דאך געזאגט: ״איר האט א הארץ, נאר איר באהארצט עס נישט!״ אין יעדן איינעם איז דא 'טוב', אין יעדן איינעם איז דא געוואלדיגע** (כוחות)**, נאר וואס דען, זייט נישט שלימזל'ניקעס, נוצט עס, נוצט עס, לעבט נישט קיין ארעם לעבן, איר קענט לעבן א רייך לעבן.**

**דערפאר טאקע, דער דין וחשבון פון א ברסלב'ער חסיד וועט זיין שארפער: 'דו האסט דאך א רבי'ן, פארוואס האסטו נישט געפאלגט דיין רבי'ן?' – 'איך האב**

---

[נג] עיין בכוכבי אור שם: ״וּפַעַם אַחַת בְּיוֹם הַפּוּרִים בְּעֵת הַשְׁתִיָּה הִתְפָּאֵר לִפְנֵי מוֹהֲרַנַ״ת **שֶׁאֵין מִתְיָרֵא עוֹד מִפְּנֵי הַיֵּצֶר הָרָע**. וְאַחַר הַפּוּרִים לְמָחֳרָתוֹ נִכְנַס עוֹד הַפַּעַם לְמוֹהֲרַנַ״ת ז״ל. וְשָׁאַל אוֹתוֹ מוֹהֲרַנַ״ת אִם הוּא זוֹכֵר מַה שֶׁהִתְפָּאֵר אֶתְמוֹל בְּעֵת הַשְׁתִיָּה. וְהֵשִׁיב לוֹ, **גַּם הַיּוֹם אֲנִי אוֹמֵר כֵּן**. וְשָׁמַעְתִּי מֵר' פִּינְחָס יְהוֹשֻׁעַ ז״ל, שֶׁאָמַר לוֹ פַּעַם אַחַת מוֹהֲרַנַ״ת אָבִיךָ הָיָה צַדִּיק **דַיְין טַאטֶע אִיז גְיוֶוען אַ צַדִּיק**״.

געהאט התגברות!' - 'דו האסט געפאלגט דיין רבי'ן און נאכדעם האסטו געזעהן אז עס קאכט אין דיר די נארישקייטן? דו האסט געפאלגט דיין רבי'ן מיט חצות מיט התבודדות – האסטו געפאלגט אים?!...'

❖

## טעגליך רעדן מיט א חבר

בכלל, 'חברים' איז איינס פון די דריי נקודות[נד]. מען דארף האבן א חבר צו רעדן פון אידישקייט איינער מיטן אנדערן, מען שטארקט זיך, נישט קיין חבר אויף זיך אויסרעדן און דערציילן דארטן (חטאיו), דאס איז נישטא קיין חבר, דאס קען מען רעדן נאר פאר השי"ת אליין[נה], א חבר אויף צו דערציילן כל לבו ממש קען מען נישט, אבער מחזק זיין קען מען יא, מחזק זיין איינער דעם צווייטן, שטארקן איינער דעם אנדערן.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: **'אזוי ווי דער רבי רעדט א חיוב פון האבן התבודדות אלע טאג, דארף מען האבן א חבר אויך אלע טאג!'**[נו] דאס איז דאך פון די דריי נקודות, האבן א חבר אויך אלע טאג, רעדן מיטן חבר. געווענטליך ( - פארשטייט זיך)

---

[נד] עיין ליקוטי מוהר"ן סימן ל"ד, אות ח': "נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי **שָׁלֹשׁ** בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הַיְנוּ **הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים**, וְהֵם יָאִירוּ בּוֹ, כִּי הֵם הַנְּקֻדָּה כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל, וִיעוֹרְרוּ אֶת לִבּוֹ. וְגַם עַל יְדֵי **שֶׁיְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ**, יָכוֹל גַּם כֵּן כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְהָאִיר וּלְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ. וְגַם עַל יְדֵי עַצְמוֹ, **שֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**, יָכוֹל גַּם כֵּן לְעוֹרֵר אֶת לְבָבוֹ".

[נה] עיין רמב"ם הל' תשובה פ"ב, ה"ה: "בעבירות שבין אדם למקום אינו צריך לפרסם עצמו, ועזות פנים היא לו אם גילָם, אלא שב לפני האל ברוך הוא ופורט חטאיו לפניו ומתודה עליהם לפני רבים **סתם** וטובה היא לו שלא נתגלה עונו שנאמר 'אשרי נשוי פשע **כסוי חטאה**'".

[נו] ענין זה לדבר עם חבירו ביראת שמים בכל יום ויום מובא כמה פעמים בליקוטי הלכות, והרי לפניך מ"ש בהלכות גרים ה"ג, אות י"ט: "כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל **מְחֻיָּב** לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם **בְּכָל יוֹם וָיוֹם**". ובליקוטי תפילות ח"ב סי' ז' מתפלל שמה מוהרנ"ת בזה"ל: "שֶׁנִּזְכֶּה תָמִיד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד יַעֲסֹק **וִידַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ** בְּיִרְאַת שָׁמַיִם **בְּכָל יוֹם וָיוֹם**, וִיקַבְּלוּ דִין מִן דִּין תּוֹרָה וְדַעַת אֱלֹהִים וְיִרְאַת שָׁמַיִם, וִיעוֹרֵר וִיזָרֵז וִיחַזֵּק כָּל אֶחָד וְאֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אזעלכע חברים וואס רייסן זיך צו אידישקייט און זיי ווילן דאס, איז טאקע זייער גוט.

מיר האבן דאס געזעהן ביים רבי'ן אפילו אין אונזערע צייטן אויך, על-פי רוב - אין פוילן איז געווען מער לומדות, און אין רוסלאנד איז געווען מער דאס תמימות - פראסטע מענטשן זענען מקורב געווארן צו אונז, אבער זיי האבן אזוי גוט געמאכט, ממש אוועקגעגאנגען אנשים כשרים - א געוואלד, אזוי גוט געמאכט.

דער רבי רעדט אין דער מעשה פון דעם בן המלך והשפחה[נז], אז מען לייגט אוועק דער כלי אויף א בהמה - שפילט זי דעם שיינעם ניגון. פלעגן אונזערע לייט זאגן: דעם רבי'נס זאך איז די כלי; א בהמה ווארפט עס נישט אראפ פון זיך אז מען לייגט עס אוועק. אז מען לייגט עס אוועק אויף איר - ליגט זי. אבער מיר ווארפן אראפ דער כלי פון זיך, מען לאזט זי נישט אויף זיך. 'לאז די כלי אויף זיך – וועט זי שפילן דעם שיינעם ניגון!'

❖

## אים בלינד געמאכט די אויגן

אונזערע לייט פלעגן דערציילן - נאך אין אומאן האב איך דאס געהערט, דער בעל שם הקדוש האט אמאל גערעדט א שמועס פון 'באנייען זיך'. האט ער געזאגט (א משל[נח]), ביים מלך איז געווען א קלעזמער וואס ער פלעגט שפילן זייער א שיינעם ניגון, ער האט אויסגעשפילט דעם ניגון אזוי שיין. דער מלך האט זייער הנאה געהאט פון דעם ניגון, האט ער אים געהייסן ער זאל אים אלע טאג שפילן דעם ניגון. (ברבות הזמן) איז דער ניגון געווארן ביי דעם קלעזמער אלט, האט ער אים שוין נישט אויסגעשפילט אזוי ווי מען דארף אים אויסשפילן; ווען דער ניגון איז ביי אים געווען

---

[נז] מעשה י"א בספה"ק סיפורי מעשיות.

[נח] מובא בס' אור המאיר על קהלת ד"ה ברבות הטובה, ובס' נתיב מצותיך נתיב אמונה שביל ג' אות ל', עי' בעל שם טוב עה"ת פרשת נח מאמר עמוד התפלה בהגהות מקור חיים אות מ"ב.

פריש האט ער אים בעסער אויסגעשפילט. ביי דעם מלך איז אבער דער ניגון געווען אלע טאג ניי.

דער מלך (האט געטראכט) 'וואס זאל ער טוהן?' ביי אים איז דער ניגון 'ניי', און ביים קלעזמער ווערט דער ניגון 'אלט', ער שפילט אים נישט אויס מיט די (פרישקייט) אזוי ווי מען דארף אים אויסשפילן. וואס האט געטוהן דער מלך? ער האט געמאכט א באַל, ער האט גערופן שרים, גערופן דעם שר, דעם שר, אז עס קומט א נייער מענטש וואס האט דאס נאכנישט געהערט - צוליב דעם נייעם מענטשן וועט ער שוין נאכאמאל אויסשפילן דעם ניגון אזוי ווי מען דארף, האט ער צונויפגערופן אלע שרים.

אז ער האט שוין אלע שרים איבערגערופן, און דער ניגון ווערט ביי אים ווייטער אלט - און ביים מלך איז ער ניי, האט ער אים גענומען, ער האט אים ארויסגענומען די אויגן, ער האט אים געמאכט בלינד און ער האט אים געזאגט, 'היינט איז דא דער שר, היינט איז דא דער מיניסטער, א נייער איז געקומען!' (וכו' וכו').

האט דער בעל שם הקדוש אויסגעלאזט: "די תורה איז ביים אויבערשטן זייער ניי, ביי אונז ווערט זי אלט, דארף מען זיך ארויסנעמען די אויגן פון דער וועלט - וועט זי זיין ניי!"

די וועלט לאזט נישט, די וועלט לאזט נישט באנייען זיך, דארף מען זיך ארויסנעמען די אויגן פון דער וועלט וועט עס זיין ניי, וועט עס שפילן דעם שיינעם ניגון.

דער רבי רעדט אין דער מעשה פון דעם בעל תפילה[נט], דער בעל תפילה פלעגט ארויסנעמען (זיינע לייט) חוץ לישוב. פלעגן אונזערע לייט זאגן: "'טבע' - דאס איז ישוב, דער ישוב פון דער וועלט; 'תפילה' - דאס איז למעלה מן הטבע, חוץ

[נט] מעשה י"ב מספה"ק סיפורי מעשיות.

מדרך הטבע!" - דער רבי רעדט דאך[ס] אז תפילה איז למעלה מן הטבע, איז דאס אַן ענין פון 'חוץ לישוב'.

דער רבי האט געוואלט מען זאל זיך מיישב זיין. מען ליגט דאך כסדר אין ישוב; אז מען איז זיך מיישב - דורך תפילה גייט מען ארויס פון ישוב... און וואס דער מענטש גייט ארויס מער פונעם ישוב, איז ער נענטער, האט ער מער לעכטיגע אויגן, זינגט ער דעם ניגון שענער. פארוואס קען דער מענטש נישט דאווענען מיט דעם חיות, מיט דעם געשמאקייט? ווייל די וועלט מיט די תענוגים פון דער וועלט, נעמען צו דעם חיות פונעם דאווענען, אבער דורך תפילה איז ער דאך חוץ לישוב, אז ער איז חוץ לישוב קען ער פילן א תענוג פון חוץ לישוב.

❖

## א יונגערמאן דאוונט!

דער רבי האט (דערציילט, ער האט איינמאל) געזעהן דארטן אויבן (אז אלע לויפן און לויפן) – **'א יונגערמאן דאוונט, א יונגערמאן דאוונט!'** - מען לויפט אים הערן, (בין איך אויך געלאפן אים זעהן); **"האב איך אפגעדעקט דעם טלית - האב איך געזעהן עס איז טאקע מיין נפתלי, עס איז טאקע מיין נפתלי!"**

אז מען דאוונט דא געשמאק, ווערט אויבן א רעש, מען לויפט זעהן - 'א יונגערמאן דאוונט, א יונגערמאן דאוונט!'

ר' געצע'ס אײדעם - ר' ברוך, האט געהאט אביסל א שארפקייט, אבער אזא מין עובד ווי ער איז געווען איז גארנישט שכיח, ווי אזוי ער האט געדאוונט - ממש 'כל עצמותי', 'כל עצמותי תאמרנה', נישט יעדער ווארט - יעדער אות! א געוואלד!

---

[ס] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ז', ח', ט', ר"נ, ועוד.

זי[סא] איז געווען אביסעלע נישט אזוי אינגאנצן... ברוך האט געדאוונט אין שול, איך בין דעמאלט אויך געווען אין שול. אינמיטן קומט זי אָן. (אמרתי לה:) 'וואס ווילסטו? ברוך דאוונט יעצט!' (ענתה:) 'איך האב זיך איצטער גע'חלום'ט, איך האב געזעהן דעם רבי'ן, וויל איך אים זאגן דעם חלום'. (וסיפרה לו:) 'איך האב געזעהן דעם רבי'ן איצטער (און ער האט מיר געפרעגט: 'וואס מאכט ברוך?') האב איך אים געזאגט: 'ברוך דאוונט!' זאגט ער: "איך וויים, איך וויים אז ער דאוונט!"

'איך וויים אז ער דאוונט!' - ער האט געדאוונט... ער האט אריינגעלייגט די כוחות אין דאווענען אריין.

אז מען דאוונט דא - אזא דאווענען איז אויבן זייער חשוב! דער רבי גיט א דעק אפ דעם טלית, עס איז טאקע מיינער א מענטש, ער דאוונט טאקע!

אוודאי, תפילה איז א דביקות צום אויבערשטן[סב]. אז דער אויבערשטער העלפט אז מען דערוויטערט זיך פון אנדערע דביקות'ן, פון אנדערע תענוגים, קען מען האבןביים דאווענען א דביקות צום אויבערשטן, אבער אז מען ליגט אין אנדערע דביקות'ן, קען מען נישט האבן דעם דביקות אינעם אויבערשטן, עס קען נישט, עס האקט זיך איבער.

מען דארף נישט אראפפאלן ביי זיך, אביסלע איז אויך גוט, אבער דער רבי זאגט טאקע אין תורה ט'[סג]: "דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה"; "וצריך להכנים כל כוחו באותיות התפילה!" - אריינגעמען כל כחו.

---

[סא] זוגתו יוכבד בת ר' געצע, היתה נכדת רביז"ל.

[סב] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ד: "**דַּע, שֶׁעִקָּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה**".

[סג] וזל"ש באות א': "**כִּי עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים מ"ב): "**תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי". וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ וּמַכְנִיס כֹּחוֹ בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אֲזַי נִתְחַדֵּשׁ כֹּחוֹ שָׁם,**

עס איז טאקע געווען אזוי מיט רבי נפתלי'ן - אין השתפכות הנפש[סד] ברענגט עס ר' אלטער (טעפליקער): ר' נפתלי האט געזעהן עפעס א מענטש קומט פון עולם העליון און ער זאגט אים: "זאג מיר נאך עפעס א ווארט פון דיין רבי'ן". ר' נפתלי האט נישט לאנג געהערט פונעם רבי'ן דער תורה, האט ער אים געזאגט: "דער רבי זאגט: 'עיקר החיות מקבלין מהתפילה', (כמו שכתוב:) 'תפילה לקל חיי'". האט ער דערציילט אז דער מענטש איז פאר גרוים דביקות ארויף אויבן אויפן הימל (למעלה למעלה עד שנעלם מאתו). האט ר' נפתלי דאס דערציילט דעם רבי'ן, זאגט דער רבי: **"וואס דען - אזוי ווי איר? אויבן אז מען הערט מיינס א ווארט איז גאר עפעס אנדערש!"**.

דער רבי גיט א טייטש: "תפילה לקל - חיי" - אט דאס איז אינגאנצן מיין חיות! "עיקר החיות מקבלין מהתפילה".

❖

## אַן אמת'ער איד

מיר דארפן כאטש וויסן דאס, אז דאס פארמעג איז דא דא (ביים רבי'ן), רבי נתן זאגט אז דאס איז דער פלטין של אמת![סה] דער רבי איז אמת, זיין זאך איז נאר אמת - וואס דער רבי גיט אַן עצה איז עס נאר מען זאל זיך ציען צום אמת[סו].

---

בְּבְחִינַת (אֵיכָה ג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים (רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ") וְכוּ'. כִּי אֱמוּנָה הִיא תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ז): "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה", תַּרְגּוּמוֹ: 'פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ'".

[סד] אות נ'.

[סה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' ער"ש ויגש תקפ"ו: מַה אֹמַר לְךָ אָחִי. מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי. יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת. אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה. תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת **בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת** הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת. עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ כִּי **עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת**, אַךְ בֶּאֱמֶת אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כְּלוּם".

[סו] עיין ליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג, אות כ"ד: "וְעִקַּר תִּקּוּן שְׁלֵמוּת הָעֵצָה לֵידַע בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ לֵילֵךְ הוּא עַל יְדֵי הָאֱמֶת, כִּי הָאֱמֶת הוּא אֶחָד, **וְצָרִיךְ כָּל אָדָם כְּשֶׁמְּסֻפָּק בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ וְהַנְהָגָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ**

ר' מאיר לייב איז געווען ר' אברהם ר' נחמן'ס א רבי (בנגלה), ער איז געווען א בלעכער, א בעל מלאכה, ער איז געווען א גרויסער למדן, ער איז געווען ביי רבי נתן'ען אזוי ווי א תלמיד חבר, ער איז געווען עפעס געוואלדיג. פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגן: **"ווען ער פלעגט קומען קיין אומאן, האט ער זיך דריי טעג געגרייט צו גיין צום רבי'ן אויפן ציון!"** - ער האט געוואוסט וואס דעם רבי'נס ציון איז! - אזוי פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס רעדן וואספארא סארט מענטש דער ר' מאיר לייב איז געווען.

איז ווען רבי נתן איז נפטר געווארן, ביי דער לויה האבן אונזערע לייט געזאגט שבחים, שבחים, נישט קיין הספד. האט ער זיך אנגערופן: **"אט דאס איז געווען אַן אמת'ער איד! אט אזוי דארף זיין א איד!"** – אט דאס האט ער געזאגט, דאס איז דער גרעסטער שבח, 'אַן אמת'ער איד'! **דער אויבערשטער האט נאר ליב אמת! אט אזוי דארף זיין א איד!**

דער רבי טייטשט אין תורה ט': "ואל א'מה ת'כלנה מ'למעלה" איז ר"ת אמת. און "תכלנה" איז א לשון פון גלוסטן - 'כלתה נפשי'[סז]; אויבן מלמעלה גלוסט מען נאר צו אמת, איך דארף נאר זעהן ווי איך טוה עפעס א זאך זאל עס זיין מיט מער אמת, ווארום אויבן ווערט מען נאר נתפעל פון אמת. אלעס וואס דו טוהסט – א רעש, אבער אמת, אויבן גלוסט מען נאר צו אמת.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ז': "ולבוא לאמת" – קומען צו אמת, איז דורך עצת הצדיקים. עצת הצדיקים דאס איז 'כולו זרע אמת', אז מען איז מקבל פון איינעם אַן עצה איז דאס גלייך ווי מען איז מקבל פון אים זרע. דערפאר טאקע, ביים עץ

---

**לָשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשׁוֹ, עִקַּר תַּקָּנָתוֹ הוּא הָאֱמֶת שֶׁיִּרְאֶה לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ רַק אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וּלְהִסְתַּכֵּל רַק עַל הָאֱמֶת** וּלְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ וְיַדְרִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כה), "הַדְרִיכֵנִי בַאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנִי וְכוּ'". וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם פו), "הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ וְכוּ'". וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם מג), "שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל הַר קָדְשְׁךָ וְאֶל מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ". וְעַל יְדֵי אוֹר הָאֱמֶת זוֹכֶה לְעֵצָה שְׁלֵמָה". עי' גם בהל' סימני בהמה ה"ד, אות כ"ד.

[סז] עיין ליקו"מ סי' קי"ב.

הדעת איז געווען "הנחש השיאני" - א לשון נישואין, זי האט מקבל געווען אַן עצה פונעם נחש, דעמאלט איז געווען א מין נישואין דקליפה. אבער דער צדיק איז כולו זרע אמת, עס איז ממש א חתונה פארן צדיק. און דאס איז די עצות פונעם רבי'ן - דורכדעם קען מען קומען צו אמת. דער רבי זאגט[סח], עס ווערט אין אים נחקק אמת, עס ווערט אין אים אויסגעקריצט אמת, אמת, אמת.

אונזערע לייט פלעגן זאגן תמיד, אין דעם עולם איז פארהאנען שווינדלערס, א שווינדלער מאכט דארטן א רינגעלע צו א פינגערל, פון אויבן איז עס גאלד און אינעווייניג טיף איז עס נישט קיין גאלד, אז מען גיט א ביים טיף, איז עס נישט קיין גאלד. (כמו כן יכול להיות) עבודות, עבודות, אבער אז מען קומט אהינצו דארטן, וואס האסטו דא געבראכט? עס איז א שווינדל, עס איז נישט קיין אמת, דא וויל מען דאך נאר עס זאל זיין מיט אַן אמת, גיט מען א ביים טיף - האט עס נישט קיין אמת. דעם רבי'נס זאך איז אמת! וואס מען וועט מער צוגיין צום רבי'נס עצות, וועט ווערן אין מיר מער נחקק דעם אמת, אזוי אז וואס איך טוה איז מיט מער אמת!

מען דארף דאך האבן רחמים וואו מען גיט זיך א ריר; ווען מען גיט צדקה דארף מען אויך האבן גרויס רחמים עס זאל זיך מיט אמת![סט] וואס דער מענטש טוהט עפעס א זאך, זאל זיין מיט אמת - אויבן וויל מען דאך נאר אמת! אויבן האט א חשיבות נאר אמת.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, מען האט עס געזאגט פון ר' משה ברסלב'ער: "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת"; (לכאורה) אין דעם ערשטן האלבן פסוק

---

[סח] שם אות ג': "**וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמֶת אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת לְצַדִּיקִים וְיֵלֵךְ בְּדֶרֶךְ עֲצָתָם; וְעַל יְדֵי שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם עֲצָתָם, נֶחְקָק בּוֹ אֱמֶת**; כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נ"א): "הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ" כְּשֶׁאַתָּה חָפֵץ אֱמֶת, 'בַטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי'" וכו' עיין שם.

[סט] עיין ליקוטי הל' שבועות ה"ב, אות ל"ד: "**וְעַל כֵּן מְצוּיִים הַרְבֵּה טָעוּתִים מְאֹד בְּנוֹתְנֵי הַצְּדָקָה**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁאֵין זוֹכִין בְּנָקֵל לִתֵּן צְדָקָה לְהֶהָגוּן. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁמָּא תֹאמַר, כָּל הַבָּא לִקְפֹּץ קוֹפֵץ? תַּלְמוּד לוֹמַר, מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹקִים וְכוּ', כִּי אֵינָם מְצוּיִים לִזְכּוֹת עִם מְהֻגָּנִים, עַיֵּן שָׁם בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י. **עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְקַיֵּם מִצְוַת צְדָקָה כָּרָאוּי שֶׁיִּזְכֶּה לִתֵּן לְהֶהָגוּן בֶּאֱמֶת**".

**שטייט דאך "לכל קוראיו", און נאכדעם שטייט א מיעוט ("באמת")? פלעגט מען אזוי זאגן, "קרוב ה' לכל קוראיו", נאר איין זאך וויל איך פון דיר, עס זאל זיין מיט אַן אמת! דער אויבערשטער איז נאנט לכל קוראיו - ווער ער איז, נאר איין זאך וויל איך, עס זאל זיין מיט אַן אמת - מער נישט, 'לכל אשר יקראוהו באמת'!**

**דער רבי זאגט טאקע דארטן אין תורה קי"ב[ע]: "בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא" - אבי עס זאל זיין מיט אַן אמת. אז א מענטש צעברעכט זיך דאס הארץ פארן אויבערשטן, ער איז ממש א גארנישט, נאר מיט אמת, איז עס אויבן זייער חשוב, 'באיזה מדריגה נמוכה שהוא' – אבי מיט אַן אמת! 'קרוב ה' לכל קוראיו' – ווער עס רופט צום אויבערשטן איז ער קרוב, נאר וואס דען, נאר מיט אַן אמת! 'לכל אשר יקראוהו באמת'! דארף מען בעטן אסאך דעם אויבערשטן: 'רבונו-של-עולם! דער רבי איז אמת, און די ספרים זענען אמת, די תפילות (הליקוטי תפילות) זענען אמת, און די מכתבים זענען אלץ אמת, זאל איך ווערן נענטער צו זיי, עס זאל ווערן ביי מיר אויסגעקריצט דער אמת!' [נו, מען דארף זיך שוין גרייטן צו מנחה].**

**אוודאי, עס איז גוט אז מען האט חברים. רבי נתן האט געהאט אזעלכע חברים וואס זיי האבן נישט געהאט קיין צייט צו קומען צו אים - איז רבי נתן געגאנגען צו זיי, רעדן מיט זיי! רבי נתן האט געוואוסט אז דעם רבי'נס זאך איז נאר חברים, איז ער געגאנגען צו זיי, רעדן מיט זיי, ער האט גארנישט געקוקט, געגאנגען צו זיי.**

**צו דעם אמת וואס עס איז דא אין דעם רבי'נס זאך דארף יעדער האבן די דריי נקודות: רעדן צום אויבערשטן, האבן א חבר, לערנען די ספרים [- די ספרים דאס**

---

[ע] וזל"ש: "וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, **בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא**. כְּגוֹן לְמָשָׁל, שֶׁיֹּאמַר: "ה' הוֹשִׁיעָה", בֶּאֱמֶת. אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר בְּהִתְלַהֲבוּת וְהִתְעוֹרְרוּת כָּרָאוּי, אַף עַל פִּי כֵן יֹאמַר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא. וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר הָאֱמֶת, יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים שֶׁבְּתוֹךְ הַחשֶׁךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לָצֵאת מֵחשֶׁךְ לְאוֹר, וּלְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי, וְכַנַּ"ל. (וְעַיֵּן לְעֵיל כָּל זֶה בְּהַתּוֹרָה תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ בְּסִימָן ט')".

איז די נקודה פונעם צדיק[עא]], דעמאלט קען אין אים אריין דער אמת! אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אין זיך א נקודה פון אמת - דאס איז אינגאנצן דאס חשיבות פון אויבן, דארף מען נאר בעטן דעם אויבערשטן.

רבי נתן האט געזאגט: "'**אהלך באמיתך**' - **פיר מיר מיט 'דיין' אמת; נישט מיט מיין אמת - מיין אמת נארט מיך אפ!**"[עב]

---

[עא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"ב: "בְּהַסֵּפֶר שֶׁל הֶחָכָם נִרְשָׁם וְנִצְטַיֵּר שָׁם דְּמוּת הֶחָכָם, כִּי אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים וְהָאוֹתִיּוֹת הַנִּרְשָׁמִין וּמְצֻיָּרִין בְּהַסֵּפֶר, הֵם שֵׂכֶל הֶחָכָם וְנִשְׁמָתוֹ וּבְחִינוֹת פָּנָיו, נִמְצָא שֶׁשִּׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ וּפָנָיו שֶׁהוּא דְּמוּתוֹ מַמָּשׁ הוּא בְּאֵלּוּ הָאוֹתִיּוֹת וְהַתֵּבוֹת, **עַל כֵּן נִמְצָא בְּכָל סֵפֶר וָסֵפֶר דְּמוּת דְּיוֹקָנוֹ שֶׁל הֶחָכָם שֶׁחִדֵּשׁ אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים**".

[עב] שיש"ק (חדש) ח"ג, מ"ו. גם עיין בליקוטי הלכות הל' יין נסך ה"ד, י"ז: "מִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל נַפְשׁוֹ שֶׁלֹּא יְאַבֵּד אֶת עוֹלָמוֹ חַס וְשָׁלוֹם, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלַחֲקֹר מְאֹד אַחַר הָאֱמֶת כְּדֵי לָשׁוּב אֶל הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת כִּי אוּלַי מַטְעֶה אוֹתוֹ דַּעְתּוֹ בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ לֹא טוֹב חַס וְשָׁלוֹם, מֵחֲמַת שֶׁלֹּא זָכָה לְצַיֵּר אוֹר הַתּוֹרָה כָּרָאוּי, מֵחֲמַת שֶׁכְּלֵי הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ אֵינָם בִּשְׁלֵמוּת מֵחֲמַת פְּגַם הַבְּרִית וְעִקַּר הַתִּקּוּן לְכָל זֶה הוּא צְעָקָה וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה וְהִתְבּוֹדְדוּת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, שֶׁצְּרִיכִין לִצְעֹק הַרְבֵּה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת תָּמִיד, כְּמוֹ שֶׁצָּעַק דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הַרְבֵּה עַל זֶה, הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ וּנְחֵנִי בְּאֹרַח מִישׁוֹר וְכוּ' הוֹרֵנִי ה' דֶּרֶךְ חֻקֶּיךָ וְכוּ' שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנוּ וְכֵן הַרְבֵּה מְאֹד" וכו', עיין שם.

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

בקשו רחמים לרפואת **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י

מוהר"ר **יעקב יואל פיש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **אברהם יצחק לייפער** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **דוד שווארץ** הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה